און דאָרט פלעגט בונם פאַרוואָן טיש... געסט קומען און געסט גייען, אַ שטענדיק אָפענע טיר און אויב סביבה באַדייט עפּעס, איז דאָרט ביי אים — אין זיין היים — געווען סביבה, דורכאויס וואַרעמע סביבה.

זיין דערציילן עפּעס איז אַלע מאָל געווען אָנגעלאָדן מיט איכות, מיט קוואַליטעט, מיט וויסן, מיט ראַיעלער ריכטיקייט און דער עיקר מיט אַ ים פון הומאָר, נישט סתם לאַך־הומאָר, נאָר נאַטירלעכער לעבנס־הומאָר.

אין דעם טאַקע איז געלעגן זיין אַנדערשקייט.

פאַרן שרייבער פון די שורות איז בונם נישט געווען קיין פנים חדשות, ווען ער האָט זיך דאָ — אויף דער עמיגראַציע — מיט אים באַגעגנט.

ס'איז אים נישט איין מאָל אויסגעקומען — נאָך פאַרן קריג, אין דער אַלטער היים — זיך צו טרעפן מיטן נפטר ביי אַנדערע אומשטענדן, אויף גאָר אַן אַנדער פּלאַטפאָרם: בונם אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דרוקער־פאַראיין — אַלס אויסגלייכער פון קאָנפליקטן און אויך אַלס איינהאָבער פון אַ דרוקעריי.

און מערקווירדיק: ביידע צדדים, סיי די אַרבעטער און סיי דער באַלעבאָס פלעגן שטענדיק זיין צופרידן, ווען וואַרשאַווסקי איז געווען דער מעדיאַטאָר, ווייל נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט שטענדיק געקעמפט, ווי אַ לייב, פאַר די רעכט פון אַרבעטער, איז אָבער ווען

א. זבאַר

# אין ליכטיקן אָנדענק פון בונם וואַרשאַווסקי ע״ה

(צו זיין 20־סטן יאָרצייט)

ווען דער דאָזיקער זשורנאַל וועט דערשיינען, וועט ווערן 20 יאָר זינט עס איז אַוועק פון אונדז אין דער אייביקייט דער ליבער, האַרציקער מענטש, שרייבער, קולטור־בויער און געזעלשאַפטלעכער טוער — אונדזער טייערער פריינד, דער אומפאַרגעסלעכער בונם וואַרשאַווסקי, וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט איינע פון די לויטערסטע פערזענלעכקייטן און אידעאַלסטע פיגורן פון אונדזער דור.

עס האָבן זיך אין אים פאַרקערפּערט אַלע מידות טובות פון אונדזער פאָלק און אַלע שיינע מעלות פון אונדזער אַלטער היים.

צו יענער צייט, ווען ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה איז דער יידישער קיבוץ אין מעלבורן געווען איינגעהילט אין טרויער, ווייל ס׳איז געווען אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ.

אָט האָבן מיר דאַן געלייענט אַ טרויער־אַרטיקל, געשריבן דורך בונם וואַרשאַווסקי, געווידמעט דעם טויט פון פּאָפּולערן טוער — יעקב וואַקס — און אָט איז שוין דער מחבר אַליין פון דעם אַרטיקל — בונם וואַרשאַווסקי — אויך נישטאָ.

דער שרייבער פון די שורות האָט זיך באַזונדערס שטאַרק איבערגענומען מיט בונם׳ס טויט, ווייל פּונקט אַ טאָג פאַר זיין פּטירה איז ער געזעסן ביי אים אין דער היים, ווי שטענדיק זיך צוגעהערט צו זיין שפּראַך, געלערנט פון אים (און לערנען האָט מען געקענט גאָר אַ סך פון אים) און אָט איז ער שוין נישטאָ מער צווישן די לעבעדיקע און אָט איז שוין זיין נאָמען איינגעפאַסט אין אַ שוואַרצער טרויער־ראַמל.

און ס׳איז גאָר קיין וואונדער נישט. צי האָט מען דען געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיין ליכטיקע געשטאַלט (אגב איז ער בלויז געווען 62 יאָר אַלט און ער האָט נאָך געקענט גאָר אַ סך שאַפן אין זיין לעבן) וועט זיך מער נישט באַווייזן אויף דער אַרענע פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין מעלבורן.

אַליין אַ געבוירענער אין מלאַווע ביי אַ חסידישער משפחה, האָט וואַרשאַווסקי געלערנט אין חדר און בתי־מדרשים און אַלט זייענדיק דאַן 18 יאָר, פאַרלאָזט ער זיין געבורטס־שטאָט און שוין ביי דער דייטשער גרענעץ פאַרבייט ער זיינע לאַנגע מלבושים אויף קורץ־מאָדערנע.

פאָרט אַוועק קיין בעלגיע (ליעזש), שטודירט דאָרט אין אוניווערסיטעט, וואו ער צייכנט זיך שטאַרק אויס אויף פאַרשידענע געביטן און. גאַנץ באַזונדערס אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק.

ביים אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג טרעט ער אַריין פרייוויליק אין דער בעלגישער אַרמיי און פאַלט אַריין אין געפאַנגענשאַפט.

קומענדיק צוריק פון דייטשן געפאַנגענען־לאַגער, טרעט ער אַריין אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מלאַווע און באַטייליקט זיך גלייכצייטיק אין פאַרשידענע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס.

ער פאַרלאָזט אָבער שנעל זיין שטעטעלע מלאַווע, באַזעצט זיך אין וואַרשע, וואו ער וואַרפט זיך אַריין בלב ונפש אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — צוערשט אַלס סעקרעטאַר פון האַלץ־אַרבעטער פאַראיין, דאַן פון לעדער־אַרבעטער פאַראיין און אחרון אחרון חביב — גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן דרוקער־אַרבעטער פאַראיין אין פוילן.

גלייכצייטיק אָרגאַניזירט ער צוזאַמען מיט מ. אָזשעך דעם ברייט־פאַרצווייגטן, יידיש־סאָציאַליסטישן האַנטווערקער־פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון „בונד”.

נאָך אין זיין פריסטער יוגנט האָט זיך בונם שטאַרק אויסגעצייכנט אויפן ליטעראַרישן געביט — צוערשט אין העברעאיש, דרוקנדיק זיינע לידער און געדיכטן אין „השלח” און „הזמן” און נאָכדעם אין יידיש אין דער אַזוי גוט־באַקאַנטער „גראָשן - ביבליאָטעק” (אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „היינט”), וואו ער באַטייליקט זיך מיט מערערע וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַרבעטן.

אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן איז דערשינען דאָס בוך „פייער” פון אַנרי באַרבעס, איבערגעזעצט דורך וואַרשאַווסקי׳ן פון פראַנצויזיש אין יידיש.

און דאַן דערשיינט זיינס אַ בוך אין די פערציקער יאָרן אין מעלבורן: „די פאַרלוירענע בת מלכה” לויט ר׳ נחמן בראַצלאַווער ז״ל, באַאַרבעט אין יידיש דורך וואַרשאַווסקי׳ן.

ליטעראַרישע קריטיקער און קאַפּאַציטעטן, ווי יעקב גלאַדשטיין און אַנדערע, האָבן זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן וועגן אָט דעם בוך.

דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג אברהם גאָלאָמב האָט עס אינסצעניזירט און אויפגעפירט אויף דער סצענע פאַר די קינדער פון די יידישע שולן.

אין יאָר 1939 קומט ער מיט זיין משפחה קיין אויסטראַליע אויף אַ פּערמיט געשיקט דורך דעם פאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פון „יידישע נייעס” און משכיל — ר׳ חיים רובינשטיין.

אָנקומענדיק קיין אויסטראַליע, האָט בונם וואַרשאַווסקי נישט אויפגעגעבן זיין סאָציאַלע ראָל, נאָר אויך דאָ — אין דער נייער וועלט — האָט ער זיך געשטעלט ביים רודער פון אַרבעט און קאַמף פאַר אַ ליכטיקערער צוקונפט לטובת דעם פאָלקס־מענטש און האָרעפּאַשניק.

געבענטשט מיט אַ רייכן ליטעראַרישן טאַלאַנט,

# די יידישע ראַדיאָ־סטאַציע

פּ. רינגעלבלום

שוין איבער דריי מאָנאַטן ווי יעדן צווייטן דאָנערשטיק אָוונט און צו־מאָרגנס פרייטיק פרי קען מען הערן אויף די כוואַליעס פון דער נייער ראַדיאָ־סטאַציע (3זעט־זעט) אַ פּראָגראַם פאַר דער יידישער באַפעלקערונג — אין יידיש, עברית און ענגליש.

אַ ציניקער קען זאָגן: אויך מיר אַ אויפטו! אַ האַלבע שעה איין מאָל אין צוויי וואָכן... אַוודאי איז עס אַ ריכטיקע טענה — דאָס זעלבע טענהן אויך די רעגולערע צוהערער, וועלכע רופן זיך אָפּ מיט צופרידנקייט און ליבּ פאַר דער האַלבער שעה. לײַדער איז דער צייט־צוטייל נישט אָפּהענגיק פון אונדז. עס ווערן געמאַכט כסדרדיקע באַמיאונגען צו קריגן מער צייט, אָפּטער און אויך אויף אַן אַנדערער סטאַציע.

דאָך מוז געזאָגט ווערן, אַז דער גאַנצער קאָנצעפּט פון אַ ראַדיאָ־סטאַציע פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אויסטראַליע, איז אַ גרויסער קער אין דער טראַדיציאָנעלער איינשטעלונג פון די מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע האָבן שטענדיק געהאַלטן פון דער „שמעלץ־טאָפּ״־פּאָליטיק, פון אַסימילירן די אימיגראַנטן וואָס שנעלער, כדי צו דערגרייכן אַ מאָנאָליטישע געזעלשאַפט.

די צייט און דערפאַרונג האָבן באַוויזן, אַז עס איז נישט אַזוי. נישט נאָר יידן, וועלכע האָבן אַן אַלטע טראַדיציע פון קאַמף קעגן אַסימילאַציע, פון קולטור־טעטיקייט אין אַלע זייערע גלותן, נאָר אויך די פילע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אויסטראַליע פירן — אין אַ גרעסערער צי אין אַ קלענערער מאָס — זייער אייגענע קולטור־טעטיקייט.

די ענדערונג אין דער אויסטראַלישער איינשטעלנג לגבי דער אַ״ג „אינטעגראַציע״ (וואָס איז היפּשלעך אַן עופעמיזם פון אַסימילאַציע) איז געווען אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס — סיי אין די אַקאַדעמישע קרייזן, סיי אין די פּאָליטיש־איינפלוסרייכע קרייזן.

איצט, ווען די דאָזיקע ענדערונג איז אַרויס אויף דער אויבערפלאַך, איז זי געקומען צום אויסדרוק אין עטלעכע געביטן גלייכצייטיק: 1) אויסער דער אויבן דערמאָנטער ראַדיאָ־סטאַציע, איז דאָ נאָך איינע — 3־אי־איי; 2) עס איז שוין דאָס דריטע יאָר ווי אַ ראַט פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אָרדנט איין אַ „פעסטיוואַל פון אַלע נאַציעס״, אין וועלכן אונדזער „הזמיר״־כאָר האָט דאָס יאָר אָנטיילגענומען מיט גרויס דערפאָלג; 3) שפּראַכן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערן איינגעפירט אין מלוכה־שולן אַלס אונטעררוכט־שפּראַך פאַר קינדער פון ניי־געקומענע אימיגראַנטן; 4) מלוכה־סובסידיעס זענען צוגעטיילט געוואָרן שולן, וועלכע ראַנגלען זיך מיט שפּראַך־פּראָבלעמען; 5) אַ גרעסערע שטודיר־אַרבעט אויף דעם געביט פון אימיגראַציע־שפּראַכן און קולטורן ווערט איצט דורכגעפירט דורך אַ ספּעציעלער קאָמיסיע ביים בילדונגס־מיניסטעריום מיטן ציל צו קענען פאָראויסזען און בייהעלפן ביים אַריינדרינגען פון נייע קולטור־דערשיינונגען אין אויסטראַלישן לעבן; 6) אוניווערסיטעטן און קאָלעדזשעס האָבן לעצטנס זיך מער פאַראינטערעסירט מיט שפּראַכן און קולטורן פון אימיגראַנט און ספּעציעלע קורסן ווערן כסדר געעפנט און אויסגעברייטערט.

דאָס אַלץ איז אַ גאָר דערפרייענדיקע דערשיינונג. מיר, יידן, וועלכע האָבן לאַנגע יאָרן געשטרעבט צו נאַצ.־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, האָבן אַוודאי גוטע סיבות זיך צו פרייען.

עס איז נאָר צו האָפן, אַז מיר וועלן אויך קענען באַהערשן די אַלע ניי־געשאַפענע מעגלעכקייטן, כדי צו געניסן פון זיי אין דער פולער מאָס.

דערצו זענען נויטיק גרויסע פאָנדן און פּאַסיקער מענטשן־מאַטעריאַל. לײַדער פילט זיך אַ מאַנגל אויף די צוויי געביטן. עס איז אַן ענין וואָס דאַרף דויערן, און מיר דאַרפן וואַקסן מיטן גאַנג פון דער צייט.

דערוויל אָבער — זוכן מיר וויליקע מיטצואַרבעטן ביים גרייטן פּראָגראַמען פאַר די ראַדיאָ־אודיציעס. מיר ווילן אויך הערן וואָס מער פון צוהערערס — סיי מיט ליבּ, אָבער נישט ווייניקער — מיט קאָנסטרוקטיווער קריטיק, כדי צו פאַרבעסערן וואָס מיר קענען.

* * *

די נאָענטסטע ראַדיאָ־אודיציע וועט זיין דאָנערשטיק, דעם 18־טן דעצעמבער 1975, 10 אָוונט און צו־מאָרגנס, פרייטיק, 10 פרי אויף 3זעט־זעט, די כוואַליע 1120 (צווישן 3קיי־זעט און 3עי־דאַבליו).

---

כוח דער „קדימה״ און פאַרשטייט זיך אירע איבערגעגעבענע טוער.

איך פיל אַ דאַנקבאַרקייט צו די „יידישע נייעס״ פאַר אָפּגעבן פיל פּלאַץ מיינע אַרויסטרעטונגען.

כדי אויסצומיידן שטרויכלונגען האָב איך נישט דערמאָנט קיין נעמען. איך האָף אַז די אַלע וואָס האָבן אונדזער זיין דאָ מעגלעך און אָנגענעם געמאַכט, וועלן מיר מוחל זיין און צונעמען אונדזער אויסדרוק פון אויפריכטיקע דאַנקבאַרקייט דורך אָט דער פאַראַלגעמיינערטער פאָרם.

מיר געזעגענען זיך מיט אייך מיט די סאַמע בעסטע וואונטשן פון אַ מזלדיקן יאָר און אַ סך נחת פון אַלע אייערע אָנשטרענגונגען פאַר ממשיך זיין אַ קרעפטיק יידיש לעבן אין אייער אַמביציעזן און אויפטועריש ישוב.

פּראָפעסאָר אַרטור לערמער

---

ווער שמועסט נאָך, ווען אַ גאַר גרויסער פּראָצענט באַשטייט פֿון געראַטעוועטע פּוילישע, ליטווישע, גאַליציאַנער א. א. יידן, געקומענע אַהער נאָכן לעצטן מוראדיקן חורבן, וואָס דאָס לייגט טאַקע אַ חותם אויף דעם אויסטראַליער און ספּעציעל מעלבורנער ישוב.

די גריכן האָבן אַ מאָל דערציילט אַז קאַרטאַגענאַ, זייער גרעסטע צפֿון־אַפֿריקאַנער קאָלאָניע, האָט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס בעסטע פֿון גריכנלאַנד און אָפּגעשפּיגלט דאָס שענסטע וואָס דאָס מוטערלאַנד האָט פֿאַרמאָגט.

אַזעלכע רעיונות קומען אין מיין דמיון ווען איך טראַכט וועגן אייער ביז גאַר וואַרעמער, האַרציקער פֿאָלקסטימלעכער יידישער סביבה, וואָס האָט בעת מיינע לעקציעס און ביי אָפּטע באַגעגענישן בציבור און ביחידות, ממש מיך דערהויבן און אינספּירירט. להכעיס די בלבולים וועגן א״ג חרפּהדיקן גלות־ייד, בויט איר דאָ אויף ס׳ביי אייער נאַציאָנאַל לעבן מיט אָן אַ שיעור מסירת־נפש.

מיר אימפּאָנירט באַזונדערס אייער טריישאַפֿט און טיפֿע זאָרג פֿאַר יידישער דערציאונג. איך בין געווען באַגייסטערט פֿון דער „מאָונט־סקאָפּוס״ שול, הגם עס פֿעלט מיר דאָרט אונדזער מאַמע־לשון ווי אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פֿון פֿאָלקישער יידישקייט.

די פֿריע שפּראָצונגען פֿון דער שלום־עליכם שול, באַזירט אויף אַן אויסערגעוויינלעך דערפֿאָלגרייכער דערפֿארונג פֿון אייערע צוגאָב־שולן, די פּרץ־ און שלום־עליכם־שול, זאָגט צו אַריינצוטראָגן גאָר אַ וויכטיקן ניואַנס אין אייער דערציאונגס־וועזן. ווינטש איך אייך גרויס מזל, ברכה און הצלחה.

איר גרויסט זיך מיט אייערע קולטור־ און הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס און מיט רעכט, וואָרעם אַזאַ קליינע קהילה וויזט אַרויס אַזוי פֿיל עכט־יידישע אויפֿמערקזאַמקייט צו אירע נויט־באַדערפֿטיקע מיט־ברידער.

גלייכצייטיק מיט דער זאָרג פֿאַרן אָרטיקן לעבן ווייזט איר אַרויס טיפֿן אינטערעס און הילפֿס־גרייטקייט פֿאַר מדינת־ישראל, וועלכע קען אָן דער הילף פֿון די יידן אין די תפֿוצות נישט בייקומען אירע קאָלאָסאַלע זיכערקייט און עקאָנאָמישע שוועריקייטן.

דורך באַזונדערע קאַמפּיינס האָט איר אפֿשר נאָך נישט געפֿונען די בעסטע פֿאָרם פֿון קהילה פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע הצטרכותן.

אייער „באָרד אָף דעפּיוטיס״ פֿאַרטרעט אייך כלפּי דער רעגירונג און בכלל כלפּי חוץ. אַ מער אָרגאַנישע פֿאַרבונדנקייט מיטן גאַנצן יידישן לעבן וואָלט אים צוגעגעבן נאָך מער חשיבות און געשטאַרקט זיין ראָל אין דעם וואַקסנדיקן פּראָצעס פֿון פֿרייוויליקן יידישן אויטאָנאָמיזם, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין קאַמף פֿאַר קיום און שעפֿערישן המשך פֿון אונדזער פֿאָלק אומעטום וואו מיר וואוינען.

אין דעם פּרט בין איך געווען אין אַ באַקוועמער לאַגע, ווען איך פֿלעג אָפֿט אונטערשטרייכן דעם קאַנאַדער ביישפּיל ווי אַ מין מאָדעל פֿון אַן אינטעגרירטער קהילה, סיי לאָקאַל, סיי אין לאַנד־מאַסשטאַב.

הגם נאָך וויט פֿון אַן אידעאַלער דעמאָקראַטישער קהילה, האָבן מיר אין קאַנאַדע, דורך דעם קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, דורכגעמאַכט אַ היפּשן שפּאַן אין דער ריכטונג פֿון בויען אונדזער קהילה־לעבן.

ווי אַן אויסדרוק פֿון אַ באַדייטנדיקער נאַציאָנאַלער רייפֿקייט קען דינען דער פֿאַקט, וואָס דער קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס האָט בשעתו גערופֿן אַן אַל־קאַנאַדער קאָנפֿערענץ פֿאַר יידיש און באַלד נאָך דעם איינגעשטעלט אַ ספּעציעלן בודזשעט פֿאַר דעם צוועק. גראָד האָט די דאָזיקע אַנטוויקלונג אַריינגעשפּילט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין דער קאָנצעפּציע פֿון קולטור־פּלוראַליזם פֿאַר אַלע מינדערהייטן אין די ראַמען פֿון דער ספּעציעלער צווייִשפּראַכיקער ענגליש־פֿראַנצויזישער קולטור אין לאַנד.

מיט יידיש קען דער קאַנאַדער ישוב אַריינטראָגן זיין וואָגיקן חלק אין דער אַלגעמיינער מולטי־קולטור מאָזאַיִק אין לאַנד.

אייער רעגירונג מיינט ענדלעך צו האָבן אויפֿגעגעבן די טראַדיציאָנעלע אויסטראַליער שמעלץ־טאָפּ פּאָליטיק פֿאַר אַלע אַלטע און נייע בירגער פֿון לאַנד.

דורך געבן די פֿאַרשידענע עטנישע גרופּן אַ פֿרייעם צוטריט צום מלוכהשן ראַדיאָ איז געמאַכט געוואָרן דאָ אַ וויכטיקער שריט אין דער ריכטונג אויף וועלכן קאַנאַדע איז שוין פֿריער אַוועק.

דאָס גיט אונדז יידן אַ פֿיל גינסטיקערע מעגלעכקייט ממשיך צו זיין אונדזער קולטור נישט נאָר אין קעגנזאַץ, נאָר אין פֿולן איינקלאַנג מיט דעם נייעם קולטור־דעמאָקראַטיזם פֿון אייער לאַנד.

איך האָב באַמערקט ווי וויית אַ טייל פֿון אייער יוגנט איז דאָ נענטער צו אונדזער פֿאָלקס־לעבן, הגם די אויסערלעכע סביבה שוואַכט כסדר מער און מער אָפּ די דאָזיקע צוגעבונדנקייט. איך האָף אַז איר וועט אויסמיידן דעם פֿעלער פֿון צפֿון־אַמעריקאַנער יידן, וואָס האָבן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט ווייניק אויפֿמערקזאַמקייט געלייגט אויף איינגלידערן און צובינדן די יוגנט צו אונדזער פֿאָלקס־געמיינשאַפֿט.

איצט זוכן פֿיל יונגע מענטשן אין צפֿון־אַמעריקע אַ וועג צוריק צו אידענטיפֿיצירן זיך מיטן פֿאָלק. באַזונדערס איז דאָס חל אויף אַ טייל פֿון דער שטודירנדיקער יוגנט.

צוליב כמה טעמים מוזט איר נישט וואַרטן אויף אַן עווענטועלן צוריקקער פֿון דריטן דור, נאָר ווי איך האָב זיך איבערצייגט קענט איר אויסמיידן די פֿעלערן פֿון צפֿון־אַמעריקע.

מיר, ד״ה, מיין פֿרוי און איך פֿאָרן אָפּ פֿון דאַנען מיט אַ וואַרעמען געפֿיל פֿאַר אייער ישוב און פֿאַר די אַלע וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פֿריינטשאַפֿט און הילפֿס־גרייטקייט צו אונדז. באַזונדערס קומט אַ יישר־

פאַרן ייוואָ איז זיין בראשית געווען זייער מאָגערע און באַגרענעצטע, כמעט אָן שום גרעסערן באַטייט. די היים פון דער יידישער וויסנשאַפט האָט זיך געעפנט אין אַן ענגער וווינונג מיט עטלעכע קליינע צימערלעך אויף פאָ־הולאַנקע גאַס אין ווילנע, אָבער דער אינסטיטוט האָט שוין באַקומען אַן אַדרעס. דער ציל איז געווען אַ קלאָרער — לייטערן, דערהייבן און פאַראייביקן דעם יידישן נוסח אין אונדזער וויסנשאַפט אויף אַ מאָדערנעם און אַקאַדעמישן אופן.

ד״ר מאַקס וויינרייך, איינער פון די הויפט־גרינדער פון ייוואָ, האָט אויף דער עפענונגס־זיצונג פון אַלוועלט־לעכן צוזאַמענפאָר אין 1935, צום 10־יאָריקן יובל פון אינסטיטוט געזאָגט:

„...דער ייוואָ איז נישט קיין איבערזעצונג פון חכמת היהדות אויף יידיש, אויף דער שפּראַך פון פאָלק. אונדזער שטאָף איז די גאַנצע גרויסע וועלט, און וואָס העכער עס הייבט זיך דער ניוואָ פון די פאַראינטערעסירונגען ביי דער יידישער מאַסע, אַלץ רייכער ווערט אונדזער שטאָף. אין דער פּערספּעקטיוו איז דער ייוואָ די העכסטע וויסנשאַפטלעכע אינסטאַנץ פון דעם גאַנצן יידישן שפּראַך־קיבוץ איבער אַלע לענדער, בכן אַן אַקאַדעמיע, וואָס נעמט אַרום אַלע צווייגן מענטשלעך וויסן. בלויז די באַגרענעצונג, וואָס יעדער אָנהייב פאָדערט, האָט געבראַכט דערצו, אַז דער ייוואָ פאַרנעמט זיך דערעיקרשט מיט יידישע געביטן, וואָרעם דאָס דאַרף מען דער עיקר האָבן און מען קען זיך קודם כל ריכטן אויף שעפערישע אויפטוען.

מיר ווילן אויספאָרשן און דערקענען דאָס יידישע לעבן, כדי עס זאָל גרינגער זיין עס איבערצואַנדערשן אין די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. אָבער מיר ווילן אַרבעטן מיט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן און וועלן זיך באַמיען זיין אָביעקטיוו, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ אַקאַדעמישן אינסטיטוט״.

ליידער איז געקומען דער גרויסער חורבן פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט אַלץ פאַרניכטעט און אָפּגעווישט. צוזאַמען מיט די פּאָטענציעלע און דינאַמישע יידישע פאָלקס־מאַסן דאָרט און אַלע זייערע אינסטיטוציעס איז אויך אומגעקומען און פאַרשוווּנדן דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע.

נאָר פּונקט, ווי אַזוי פיל מאָל פריער אין אונדזער געשיכטע האָט די השגחה עליונה געזאָרגט און אָפּגעראַטעוועט פון פאַרטיליקונג גאַנצע יידישע ישובים מיט זייערע מאַטעריעלע און גייסטיקע אוצרות, אַזוי האָט אויך דער מלאך הממונה אויף אַקאַדעמיעס געוואַכט און עס איז געשען ממש אַ נס, אַז דער ייוואָ איז מגולגל געוואָרן קיין אַמעריקע, דער גרעסטער יידישער צענטער אין דער וועלט. דער רוב פון די ווילנער מאַטעריאַלן האָט זיך אָפּגעראַטעוועט און דער אינסטיטוט אַלס צענטראַלע איז איצט אין זיין נייער היים אין ניו־יאָרק.

נישט נאָר יידישע אינסטיטוציעס, שולן און הויכ־שולן, אַזוי אין מדינת ישראל ווי אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים אויף דער וועלט, גייען היינט האַנט אין האַנט און אַרבעטן וויסנשאַפטלעך צוזאַמען און בשותפות מיטן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. נאָר אַנגעזעענע אַקאַדעמיעס פון די אומות העולם, פאַרשיידענע לשונות און קולטורן שטייען אין קאָנטאַקט מיטן ייוואָ, לערנען פון אים פיל און נעמען אים אַפילו פאַר אַ ביישפּיל און מוסטער פון מאָדערנעם צוגאַנג, פאָרשן און שטודירן אויפן וויסנשאַפטלעכן הומאַניסטישן געביט.

דער ייוואָ האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און געשטיגן צו דער מדרגה, אויף וועלכער ער געפינט זיך איצט, אַ דאַנק זיינע פלייסיקע, אידעאַליסטישע און טרייע מיטאַרבעטער, שעפער און קאָנסומענטן. דער אינסטיטוט איז געבליבן די קרוין פון יידיש צום גליק פון די אַלע, וואָס ליבן אונדזער פאָלקס־שפּראַך, לעבן אין איר און ציען ווייטער די גאָלדענע קייט פון הונדערטער יאָרן יידיש פאָלקסשאַפן מיט אַלע זיינע מעלות און רייכע אוצרות.

מעלבורן, סעפּטעמבער 1975

באַמערקונג פון רעדאַקציע:

אַ באַזונדערע אַרבעט וועגן דער טעטיקייט פון ייוואָ אין מעלבורן וועט האָפנטלעך דערשיינען אין די קומענדיקע אויסגאַבעס אונדזערע.

פּראָפ. אַרטור לערמער

# אַ זייט געזונט

## צו מיינע דירעקטע מכנים־אורחים — פון דער „קדימה״ און צו דער גאַנצער מעלבורנער יידישער קהילה

מיר, צפון־אַמעריקאַנער יידן, באַגעגענען אָפט אויסטראַליער יידישע טוריסטן, אָבער דער דרך צווישן אונדז און אייך איז ליידער נישט קיין סימעטרישער. דאָס מיינט גאָר פּשוט, אַז אַן ערך אַ גרעסערער פּראָצענט אויסטראַליער תושבים באַזוכט אונדז ווי פאַרקערט. דעריבער איז אונדזער באַקאַנטשאַפט מיט אייער ישוב נישט קיין צופרידנשטעלנדיקער.

נו, וועלן סקעפּטיקער טענהן: איז וואָס? סוף־כל־סוף איז דאָך דער אויסטראַלישער ישוב אַ גאָר קליינער — בסך־הכל צווישן 60 און 70 טויזנט נפשות פון פאַרשיידענע אָפּשטאַמונגען.

איז ראשית חכמה, זינט ווען שאַצן יידן זייערע קהילות נאָר מיט כמות־מאָסן; און והשנית, קענען אַ מאָל קלענערע קיבוצים אַרויסווייזן מער איניציאַטיוו און ווייזן ווי גאָר גרויסע, בפרט ווען זיי זענען לפי־ערך נייע און באַזונדערס ווען אין זיי דאָמינירט דער עיקר דער ענערגישער, צאַפּלדיקער מזרח־אייראָפּעאישער ייד, וואָס האָט אַריבערגעבראַכט אַהער עפּעס פון דער ברויזנדיקער נאָר וואָס פאַרשניטענער אַלטער היים.

ישעיה טאַוב

# די קרוין פון יידיש

(פופציק יאָר ייווא)

דאָס ערשטע פערטל פון היינטיקן יאָרהונדערט איז געווען אַ שטורעמדיקע תקופה אין אונדזער היסטאָריע מיט ברוויזנדיקע און אויפטרייסלדיקע געשעענישן אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. אויף אונדזער געשיכטלעכע אַרענע קומען דעמאָלט אַרויס סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, אַ מאַסן־עמיגראַציע איבער קאָנטינענטן און אָקעאַנען, קאָלאָניזאַציע מיט אַן אויפבוי פון אַ צענטראַלן יידישן ישוב און אַן עקאָנאָמיש־פּראָפעסיאָנעלער שינוי אין אונדזער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור. צוזאַמען מיט דעם קומט אויך אַ קולטור־רענעסאַנס דורכן אויפשטייג פון אַ גרויסער און שיינער מאָדערנע ליטעראַטור אין יידיש — די לעבעדיקע שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, אַ פאַרצווייגטע און גוט געלייענטע פּרעסע אין אַלע יידישע ישובים איבער דער גאַנצער וועלט, דער אויפבלי און וואוקס פון יידישן טעאַטער, אַנטוויקלונג פון אָריגינעלער יידישער קונסט, אַן אָנגעזען יידיש שולוועזן מיט פאָלקס־שולן, גימנאַזיעס און לערער־סעמינאַרן, גרויסע יידישע ביכער־פאַרלאַגן, רייכע ביבליאָטעקן און פאָלקס־אוניווערסיטעטן מיט פיל צוהערער.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ קאָלאָסאַלן בנין אויף אַ סאָלידן פונדאַמענט, אָבער עס האָט געפעלט דער דאַך אַלס איבערדעק, וואָס זאָל אַרומנעמען, באַשיצן און האַלטן צוזאַמען דאָס גאַנצע געביי.

אמת, פיל יידישע באַרימטע געלערנטע, וויסנשאַפטלערס און פאָרשערס האָבן געשאַפן וויכטיקע ווערק אויף יידיש, נאָר דאָס זענען געווע איינצלנע און ספּאָראַדישע פאַלן. די פּראָדוקציע פון יחידים אָן שום פּלאַן אָדער אויסרעכענען לטובת דעם יידישן כלל, זיין עצם לעבן און אַרבעט און אָן תכלית פון המשך און קיום פאַר די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן.

עס איז געווען אַ שווערער און לאַנגער וועג פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און דעם וואָגיקן ווילנער „פנקס“ פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ביז צו די וויסנשאַפטלעכע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע פּרעכטיקע אויסגאַבעס פון „כלל“־פאַרלאַג אין בערלין אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן.

אָבער ערשט אין יאָר 1925 איז געקומען דער פאָרשער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור נחום שטיף (אויך געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים בעל־דמיון) און פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט „וועגן אַ יידישן אַקאַדעמישן אינסטיטוט“. אויף זיין איניציאַטיוו איז אין אויגוסט 1925 צונויפגערופן געוואָרן אין בערלין אַ פאָרבאַראַטונג פון אַ פאָר צענדליק יידישע וויסנשאַפטלערס און געלערנטע מיטן צוועק צו שאַפן אַזאַ אינסטיטוט. דאָס איז אייגנטלעך געווען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון ייווא און אירע אָנטיילנעמער האָבן דעמאָלט באַשטימט, אַז די צענטראַלע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט זאָל זיך געפינען אין ווילנע און אָפּטיילונגען זאָל מען עפענען אין אַלע לענדער מיט גרעסערע יידישע ישובים.

עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס די גרינדונג פון העברעישן אוניווערסיטעט אויפן הר־הצופים אין ירושלים איז אויך דעמאָלט פאָרגעקומען מיט עטלעכע חדשים פריער, דעם 1־טן אַפּריל 1925. דאָס איז אַ בולטער סימן, אַז די גרויסע ענדערונגען אין יידישן לעבן בכלל האָבן אַרויסגעוויזן די פעאיקייט און נוצלעכקייט פון אָרגאַניזירטע אַקאַדעמישע פאָרשונגען אויפן מאָדערנעם יידישן קולטור־געביט.

די נייטיקייט פון אַזאַ וויסנשאַפטלעכע צענטראַלע אין יידיש, וואָס זאָל זיין אויטאָריטאַטיוו, קענען צונויפברענגען אַלע פּראָדוקטיווע און נאַציאָנאַלע וויסנשאַפטלערס און צוציען פון די יידיש־רעדנדיקע פאָלקס־מאַסן די גרעסטע צאָל מיטאַרבעטער, הן אַלס שעפער און הן אַלס פאַרניצער, דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ געבאָט פון דער שעה. דעריבער איז די אַרבעט פון די איניציאַטאָרן געקרוינט געוואָרן מיט גלענצנדיקע רעזולטאַטן.

דער ייווא אין ירושלים דליטא האָט אָנגעהויבן זייער באַשיידן. הגם עס זענען געווען פיל יידישע אָריגינעלע פאָרשערס און געלערנטע, זענען אָבער די געלט־מיטלען טישער מעכאַניזם זיך צוזאַמענגעבראָכן. לאָגיק און געפיל האָבן נישט געקאָנט צוזאַמענוואוינען.

דער לערער אַבראַמאָוו האָט נישט געוואָלט רעזיגנירן, ער האָט נישט געקאָנט רעזיגנירן פון געפינען אַ דערקלערונג. רעזיגנירן מיינט שטעלן אונטער אַ פראַגעצייכן זיין יאָרן־לאַנגע פּראַקטיק ווי אַ לערער...

— לאָמיר פּרובירן פאַנאַנדערקלייבן דעם ענין נישט פאַר אַ מאָל און קאָמפּלעט. אפשר פּרובירן שטופנוויז, ווי אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, אָדער ווי מען בויט אַ בנין: ערשטער שטאָק, צווייטער שטאָק, ציגל, בעטאָן, ראַמען — פענסטער און טירן — שטופנוויז...

און מיט אַ מאָל איז אים קלאָר געוואָרן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, ווי אַ בליץ־לאָמפּ וואָלט זיך אָנגעצונדן אין לאַבירינט פון זיין געדאַנק:

— ער וועט קיין מאָל נישט געפינען די דעפיניציע פאַר חורבן־ליטעראַטור, ביז ער וועט ביי זיך נישט באַשליסן מיט וועלכער וואָג זיך צו באַנוצן: די מאָס פון געפיל, אָדער די מאָס פון לאָגיק...

דער לערער אַבראַמאָוו האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. ערגעץ־וואו האָט זיך גענומען אויספּיקן אַ האָפענונג, אָט ווי אַ הינדעלע נעמט זיך אויספּיקן פון אַן איי, מיט שוואַכע כוחות, אַז אַ מעגלעכקייט איז דאָך פאַראַן...

---

וועג איז נישטאָ. דער באַרג רעכנט זיך נישט מיט דעם וואָס אַבראַמאָוו איז שוין אַ מענטש אין די יאָרן און קיין דערפאַרונג אין באַרג־קלעטעריי האָט ער נישט. דער בלוט־דרוק דערלויבט אים אפשר גאָר נישט אַזאַ מין פאַרמעסט. דער באַרג אָבער שטייט אין וועג און לאָזט זיך נישט אויסמיידן און צוריקגיין קאָן מען אויך נישט.

דער לערער וואָס איז תמיד געוואוינט צו גראַדן ביכער, שטעלן די שטאַרקע קעגן די שוואַכערע, געבן די שילער אַ מעגלעכקייט צו איבן זיך אין דערפאַרונג און האָבן סאַטיספאַקציע פון מאַכן אייגענע גראַדאַציעס — ווי אַ סימן פון זייער קענטשאַפט, האָט נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אָנצווווענדן דעם אייגענעם מעטאָד אויף ביכער, וואָס דערציילן וועגן חורבן.

— קען מען גראַדירן דעם חורבן? איז מעגלעך צו געבן אַפילו ליטעראַריש אַן אָרנאַמענטאַל־געבלימלטע באַצייכענונג פון די צום טויט־פאַרמשפטע?

אַבראַמאָוו האָט פּרובירט רעזומירן:

— אַן אונטערשיד פון וואַנען דער שרייבער נעמט שילדערן דעם מענטשן, אַפילו פון וויג, אָדער גאָר נאָך פריער; אַן אונטערשיד וויפיל טאַלאַנט דער שרייבער פאַרווענדט ביים שילדערן דעם לעבנס־שפּאַן, קען ער נישט אויסמיידן דעם טראַגישן ענד־פונקט: טויט. אַן ענד־פונקט וועלכער איז אומאָפּהענגיק פון שרייבער און צו וועלכן זיין ווערק איז פאַרנאַפּלט פון ערשטן בוכשטאַב אָן. די ליטעראַרישע אומוועגן האָבן נישט קיין שליטה אויפן גורל פון די העלדן, פונקט ווי די יידן האָבן נישט געהאַט קיין שליטה איבער זייער גורל.

— דעריבער ?

די דאָזיקע פראַגע האָט דער לערער געוואוסט, ווער סוף כל סוף אַרויסדרינגען פון דעם לאָגישן אַרגומענט, מיט וועלכן ער האָט געפּאָכעט ווי׳ מיט אַ שווערד. און ווייל אַבראַמאָוו איז נישט געווען קיין גאָר געניטער פעכטער, האָט ער זיך אַליין פאַרוואונדעט און ס׳האָט אים ווי געטאָן.

זיין אייגענע לאָגיק, פון וועלכער ער האָט געהאַלטן אַ וועלט, האָט געאַרבעט קעגן אים.

אַבראַמאָווס בליק, אַ פאַרנעפּלטער, אַ פרעגנדיקער, האָט געוואַנדערט איבער די פּאַכן מיט ביכער וואָס האָבן פאַרנומען די ווענט פון זיין צימער. כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דעם ענטפער אויף זיינע מאַטערנישן קען ער געפינען בלויז אין זיך גופא. איז דאָס אינסטינקטיווע זוכן אַן אָנשפּאַר, אַ באַזע פון וועלכער ער זאָל קאָנען געדאַנקלעך אָפּערירן, געווען אַ מיטל צו געווינען צייט.

— דער טאַלאַנט פון אַ שרייבער דריקט זיך אויס אין קאָנען אַוועקשטעלן אַ פּראָבלעם און פאַרענטפערן אים. נישט תמיד געלינגט עס אים. אָבער די קינסטלערישע מיטלען ווי שפּראַך און געבוי פון סזשעט זענען די־באַזע פון מעסטן דעם שרייבערס טאַלאַנט. אַפילו ווען דער פּראָבלעם ווערט נישט געלייזט, ווערן מיר אָבער פאַרכאַפּט מיטן שרייבערס קינסטלערישער אויסווירקונג, זיין פאַרמעסט. די עסטעטיק פון אַ שרייבער רירט זיך אָן מיט די עסטעטישע געפילן פון לייענער.

— קען מען שילדערן חורבן עסטעטיש? דער שרייבער וועגן חורבן האָט פאַר זיך אַ פאַרטיקן סזשעט וועלכן ער קאָן נישט ענדערן. ער קאָן אים בלויז נאָכפאָלגן. דעריבער איז אייגנטלעך חורבן־ליטעראַטור — די כראָניק פון חורבן.

און נאָך איין פראַגע:

— וויל דער שרייבער אונדז איבערגעבן די גרוילן פון ערב אומקום, פון חורבן, פון מאַרטיראָלאָגיע ווי אַ דאָקומענט פאַר דער אייביקייט, ווי אַ באַשולדיקונגס־אַקט —

אָדער:

— וויל דער שרייבער אונדז איבעראַשן מיט דער בילדערישקייט פון זיין שפּראַך, מיט אויסשטעלן אין פאָדערגרונט זיין טאַלאַנט? ווי זאָל דאַן דער לייענער רעאַגירן: ווערן גייסטיק צעבראָכן פון די גרוילן, אָדער האָבן עסטעטישן פאַרגעניגן פון דער קינסטלערישער שילדערונג?

אַבראַמאָוו האָט דערפילט, אַז דעם פּאַראַדאָקס וועלכן ער האָט נאָר וואָס באַשאַפן, איז אויסער יעדער גרענעץ פון לאָגיק.

און אפשר פאַרמאָגט אַ פּאַראַדאָקס זיין אייגענע לאָגיק ?

אָבער איין מאָל זיך פאַרהעקלט אין דער פראַגע, האָט דער געדאַנק נישט אָפּגעלאָזט:

— ווערט דער חורבן טראַגישער, חורבנדיקער אויב מען ווענדט אָן מער אילומינירנדיקן קונסט־שטאָף? קאָן מען זיך אויסדריקן: ווי וואונדערלעך שיין דער שרייבער האָט געשילדערט דעם חורבן? אָדער דעם וועג צום אומקום? ווייל דאָס מיינט — געטאָ, לאַגער, אויב נישט סטאַנציעס דורך וועלכע עס איז געלאָפן דער צוג פון טויט? און אויב מען צירט דעם צוג אויס מיט בלומען, מיט פענער און מוזיק פון שיינע אַפאָריזמען און מעטאַפאָרן — פאַרלירט דער אומקום זיין טראַגישקייט ?

אַבראַמאָוו האָט געוואַנדערט אין דזשונגל פון געדאַנק, זיך פאַרפּלאָנטערט און וואָס טיפער ער איז אין אים אַריין, אַלץ געדיכטער איז דער דזשונגל געוואָרן. דער קאָמפּאַס, אויף וועלכן ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן פאַרלאָזן, האָט מיט אַ מאָל זיך אָפּגעזאָגט אים צו פירן. עס האָט אויסגעזען, אַז ער וועט מוזן קאַפּיטולירן. ער איז אין זיין פאַרצווייפלונג גרייט געווען עס צו טאָן — ער האָט אָבער נישט געוואוסט פאַר וועמען און צוליב וואָס דאַרף ער עס טאָן. זיין טראָט איבערן צימער איז געוואָרן האַסטיקער. ס׳איז אויסגעקומען אַז ער לויפט אַנטקעגן עפּעס, און מיט אַ מאָל האָט זיך געדוכט אַז ער אַנטלויפט פון עפּעס. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך, פון זיינע געדאַנקען וועלכע האָבן אים פאַרפאָלגט. פון דעם סיסטעם וועלכן ער האָט פּערפעקטירט דאָס גאַנצע לעבן און אין סאַמע נויטיקן מאָמענט האָט דער אַנאַלי־

# מ. אײזענבוד

# אַבראַמאָווס דילעמע...

דערציילונג

דער לערער אַבראַמאָוו האָט זיך צו זיינע לעקציעס געגרייט ווי אַ גענעראַל צו אַ שלאַכט. עס איז שווער צו דעפינירן די געפילן פון אַ גענעראַל ערב אַ שלאַכט, פאַר איינעם וואָס איז קיין מאָל קיין זעלנער נישט געווען. און דער לערער אַבראַמאָוו — אַ דאַרער, אַ גרווילעכער, מיט שווערע אויגן־גלעזער אַנגעזאָטלט אויף אַ ביינערדיק־שאַרפע נאָז, האָט מיט זיין וואַקלענדיקן גאַנג, געבויגענעם רוקן גיכער דערמאָנט זיין ישיבה־בחורישע אָפּשטאַמונג. פון דעסטוועגן האָט ער געלייגט דווקא אַכט דערויף אַז די באַצייכענונג, אַז ער גרייט זיך צו זיינע לעקציעס ווי אַ גענעראַל צו אַ שלאַכט, זאָל גענומען ווערן אין פולן ערנסט און דאַרף אַזוי אויך אָפּגעשאַצט ווערן.

ער האָט געהאַט זיין אייגענעם סיסטעם פון גרייטן זיך צו אַ לעקציע — אַ סיסטעם וועלכן ער האָט אַנטוויקלט במשך לאַנגע יאָרן פון זיין לערערישער דערפאַרונג. דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דעם סיסטעם איז געווען דער גלויבן אין דער פּערפעקטקייט פון דאָזיקן סיסטעם.

אַבראַמאָוו איז אַרומגעגאַנגען מיט קורצע טריט איבערן צימער, מחמת דעם באַגרענעצטן שטח, און אויסגעטענהט זיך מיט עמיצן, וואָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי ער אַליין. אין מיטן גאַנג איז ער שטיין געבליבן, זיך פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט דערוואַרט אַן ענטפער אויף זיינע אַרגומענטן, נאָר ווייל זיין מיטשמועסער האָט נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן זיין לאָגיק, האָט אַבראַמאָוו אַ צופרידענער געריבן די הענט און זיך ווידער געלאָזט איבערן צימער מיט קורצע טריט, ווי ער וואָלט געמאַכט אויסגערעכנטע צוגן אויף אַ שאַך־ברעט.

עס איז געווען דער לעצטער סעמעסטער פון לערער־סעמינאַר, איידער די אַביטוריענטן וועלן אַרונטערנעמען די קינדער אונטער זייערע גייסטיקע פליגל. אַבראַמאָוו איז שטיין געבליבן, אַ שמייכל געטאָן פון דעם פּאַטעטישן אויסדרוק און באַשלאָסן למען השם נישט פאַרגעסן אַריינצונעמען אים אין זיין שלוס־וואָרט צו די אַביטוריענטן.

אים איז געגאַנגען אין באַגרינדן געוויסע ליטעראַרישע ניואַנסן, אויף וועלכע ער האָט זיך פריער נישט אָנגעטראָפן און וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט אַריינפּאַסן אין זיין סיסטעם וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק צו באַצייכענען: אַנאַליטישער סיסטעם. מחמת דער לערער אַבראַמאָוו האָט נישט פאַרטראָגן קיין אַבסטראַקציעס. ליטעראַטור איז פאַר אים געווען אַ גראַדליניקער וועג, אויף וועלכן ער איז געגאַנגען מיט דער פולער זיכערקייט פון איינעם, וואָס וועט אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן פון אָט דעם וועג נישט אָפּווייכן. חורבן־ליטעראַטור אָבער האָט פאַרלאַנגט אַן אַנדער צוגאַנג, וואָס זאָל זיך נישט בלויז באַזירן אויפן עמאָציאָנעלן, נאָר זאָל זיך לאָזן איינשפּאַנען אין אַ וויסנשאַפטלעכער ראַם. עס האָט אים געאַרט אויף די קריטיקער, וואָס האָבן נאָך יאָרן אָפּשאַצן גאָרנישט באַגרינדעט; נישט געשאַפן קיין קאָנצעפּציע לויט וועלכער דער לערער זאָל זיך קאָנען ריכטן; וואָס זאָל אים העלפן זיך פאַנאַנדערקלייבן. אים איז נויטיק געווען אַ פעסטע באַזע אויף וועלכער מען זאָל קענען אויפבויען אַ ליטעראַרישן וועג־וויזער.

ווי זיין שטייגער, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וויפל דימענסיעס האָט חורבן־ליטעראַטור? —

און זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן צימער, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער. נאָר ווער האָט אים געזאָלט ענטפערן? ער האָט עס געוואוסט און דעריבער אַליין צוגעגעבן:

— עס איז אַ ליטעראַטור וואָס האָט צוויי דימענסיעס: אַ נעכטן און אַ היינט. עס איז אַ ליטעראַטור אין וועלכער מען וויסט פון פאָראויס, אַז ס׳איז אָן אַ מאָרגן. אַ ליטעראַטור וועלכע ענדיקט זיך אין אַ טופּיק...

אַבראַמאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. פון אָט דעם געדאַנק איז אים עפּעס געוואָרן קאַלאַמוטנע אויף דער נשמה. ער איז תמיד געווען ענטוזיאַסטיש וועגן ביכער אָדער שרייבער, וועלכע ס׳איז אים אויסגעקומען צו רעקאָמענדירן זיינע שילער. ער האָט געקאָנט אינספּירירן, אָנוואַרעמען און אָנשטעקן די שילער מיט נייגיר און פאַרבינדן זיי מיט דער ליטעראַטור אויף תמיד.

— קאָן מען זיין ענטוזיאַסטיש וועגן חורבן־ליטעראַטור? קען גאָן זיין אַ רייד וועגן שיינקייט? קען מען באַהויפּטן — דאָס איז אַ טאַלאַנטפול געשריבן בוך, און דאָס אַנדערע — איז פיל, פיל שוואַכער?

די דאָזיקע געדאַנקען זענען ווי מוראַשקעס געקראָכן דורכן מוח, און ער האָט געפילט דעם גראַבל פון די דינע פיסלעך; דעם צוויק פון זייערע מויל־צווענגלעך. ס׳איז אים אויסגעקומען: ער פאַלמעסט אַ הייליקייט...

— איז וויסנשאַפט אומברחמנותדיק געפּילאָז?

דאָס האָט דער מענטש אין אים זיך געבונטעוועט קעגן לערער.

אין זיין סיסטעם איז געווען אַן אַקסיאָמע, וואָס האָט ווי אַ רויט אַלאַרם־לעמפל געוואָרנט: אַ לערער מעג צווייפלען אין דער היים. ער מעג האָבן קאָנפליקטן מיט זיך, זיין געוויסן, זיינע רגילותן. אַ לערער אין קלאַס אָבער מוז זיין זיכער ביי זיך: גראָדליניק, אויסגעשפּראָכן, קאַלט־בלוטיק — אויטאָריטאַטיוו. די צעקראָכנקייט מאַכט אַ תל פון זיין רעפּוטאַציע.

דער לערער אין אַבראַמאָוון האָט נישט געלאָזן דעם לייענער אַבראַמאָוו צו האָבן פאַרגעניגן פון דער ליטעראַטור וועלכע איז אים געווען צום האַרצן. די פראַגע איז געוואָרן פאַר אים אַ באַרג, וועלכן מען קאָן נישט אויסמיידן און מען מוז איבערקלעטערן, ווייל קיין אַנדער אויס־

## י. מ. לעווין

# עם רופט די סירענע

די ציטונג... דער ראַדיאָ... דאָס טעפּעלע קאַווע...
אַזוי היימיש און זעטיק דער ערשטער בים ברויט...
אַ פּלייץ פונעם ראַדיאָ: — אַן אויסברוך פון לאַווע!...
הונדערטער קרבנות אין שלאָף געטויט!

ווי לאַווע צעגליטע ברימט אייליקער שלוק —
גאָט!... הונדערטער לעבנס אין אַ רגע פאַרשניטן!
אין מיטן אַ פייף פון אַ ווייטער פאַבריק...
אַ בליק אויפן זייגער — גאָט, האָט זיך עפּעס געביטן?...

די ציטונג אַ מיש — איין מינוט נאָך געבליבן...
נישט גענוג פאַר טרויער — די סירענע שרייט!...
ווּעמענס האַנט האָט דעם גזר אָנגעשריבן
פון הונדערטער לעבנס פאַרגאַנג פאַר דער צייט?

זיי שטאַרן פאַרקוילטע אונטער אַשיקן פלום
און טרוימען דעם טרוים פון שוין פאַרברענטן גליק,
איבער זיי טראַמפּלען הונדערטער פיס.
עם רופט די סירענע פון אַ נאָענטער פאַבריק.

# אַ פרימאָרגן

אין דער פרי, גלייך פון שלאָף בלייבסט פאַרגאַפט,
ווייסט נישט פון ווו און פון וואַנען
ווערסט מיטן אייביקן צויבער פאַרכאַפּט,
איבער נאַכט זענען אין צווייט ביימער געשטאַנען.

אַ געדאַנק ווי אַ שוואַלב — געזעגט פון ירושה
באַנייט האָט פאַראַיאַריקע צווייטן;
די צייט באַנייט — זי וויל נישט אַפּווישן
דעם נעכטן פון מאָרגן, דעם היינט וואָס אין מיטן.

ווער וועט מיין נעכטן צום מאָרגן דערטראָגן
אַז צייטן זיך בייטן לויט אוראַלטע געזעצן?
אַז ווינטן נייע טרייבן און יאָגן,
און די איידעלע זאָמען פריציייטיק פלאַצן.

ווער וועט דערטראָגן צו מאָרגנס ווייטע
די שריפט פון ספרים מיט חכמה פאַרגעלטע,
עס זאָלן נישט וועלקן די זאָמען פאַרגרייטע
און ווערן אין גאַנג צום עתיד פאַרשעמטע.

אין דער פרי, גלייך פון שלאָף, ווערסט אַ פאַרגאַפטער
ווי אַ סך מאָל אין פרילינג פאַרטאָגן,
בלייבסט אויף אַ רגע שטיין אַ פאַרטראַכטער,
ווער וועט מיין היינט צום מאָרגן דערטראָגן?

---

## יעקב ראָזענבערג

# דער מענטש

כאָטש לעבן לעבט ער אין סטאַדע,
דאָך איז ער אַ יתום קינד,
כאָטש מענטש איז אַ צווייג פון אַ בוים,
דאָך ווערט ער ווי אַ בלאַט אויפן ווינט.

אַ בלאַט וואָס געשטרעבט האָט אין פרילינג,
צו ווערן נאָך העכער פון בוים,
נאָר גורל האָט הארב אים פאַרמשפּט,
צו פאַלן אַ וועלקנדער טרוים...

מעלבורן, 1975.7.15

# שטומע ביימער

שטומע, האַרבסטיקע ביימער,
מיט אויסגעשטרעקטע דאַרע צווייגן,
וויפל צער,
עס ליגט אין אייער שוויגן,
וויפל אומעט,
עס ליגט אין אייער שטומען,
ווייסט נאָר דער פויגל,
וואָס האָט ביי אייך אַ נעסט געזוכט,
און זי נישט געפונען.

ביימער,
שטילע הילפלאָזע ביימער,
מיט קרומע אויסגעשטרעקטע צווייגן,
אַ! נישט אייער שולד,
וואָס גאָט פאַרמשפּט אייך צו שווייגן,
נישט אייער שולד,
וואָס זון איז נישט געקומען,
נאָר צער איז גרויס,
ווייל פויגל האָט ביי אייך אַ נעסט געזוכט,
און זי דווקא נישט געפונען...

מעלבורן, 1975.8.24

דאָריס בורשטין

# דאָס ערשטע לערן־יאָר פון דער שלום עליכם טאָג־שול

עס דערנענטערט זיך דער סוף פון ערשטן שול־יאָר פון דער נייער יידישער טאָג־שול א״נ פון שלום־עליכם און עס איז כדאי צו מאַכן אַ קליינעם סך־הכל.

אינעם לעבן פון אַ קינד, זאָגן פסיכאָלאָגן, איז דאָס ערשטע יאָר דאָס וויכטיקסטע. דאָס יונגע קינד נויטיקט זיך אין וואַרעמקייט, אויפמערקזאַמקייט און ליבע. אין דעם פרט קען מען פאַרגלייכן די שול צו דעם יונגן קינד — אויך די שול האָט זיך אין דעם גענויטיקט און — לאָמיר דאָ איצט פעסטשטעלן — זי האָט געקריגן עס לרוב.

דער שול־קאָמיטעט האָט אַריינגעלייגט אַ סך מי און אַרבעט אין בויען און אויסהאַלטן די שול. די דאָזיקע דערגרייכונג פון די איבערגעגעבענע שול־טוערס פאַרדינט גרויסע אָנערקענונג. דער יידישער ישוב אין מעלבורן דאַרף אויך ווייטער העלפן און שטיצן דעם קאָמיטעט אין זיין אַרבעט.

אויך אונדזער קליינער, אָבער אַרבעטסזאַמער על־טערן־קאָמיטעט האָט ענטוזיאַסטיש געאַרבעט אויפן געביט פון פאַרשענערן און פאַרבעסערן אינערלעך די שול. די עלטערן פון די קינדער האָבן דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי אונטערנעמונגען, געזאַמלט געלט־מיטלען און מאַטעריאַלן און אַליין געאַרבעט ביים אויסשטאַטן אַ שפיל־פּלאַץ ביי דער שול.

די באַצאונג פון די עלטערן איז זיכער אַ רעאַקציע אויף די רעזולטאַטן, וואָס זיי זעען אין משך פון דעם ערשטן יאָר אַרבעט מיט זייערע קינדער. און נישט קיין וואונדער: צווישן די וויכטיקסטע אויפגאַבן, וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט ביים גרינדן די שול, איז געווען — אַ חוץ בילדונג — צו לייגן דעם טראָפּ אויף דערציאונג.

פון סאַמע אָנהייב האָבן די לערערס באַוואוסטזיניק זיך אָפּגעשטעלט אויף אַנטוויקלען דעם צוטרוי צווישן קינדער און פון קינד צום לעדער. עס איז דערגרייכט געוואָרן די באַציאונג פון קעגנזייטיקער ליבשאַפט און מיר זעען, אַז קינדער רעכענען זיך מיט די געפילן פון אַנדערע. דער דאָזיקער רעספּעקט האָט אויך געשאַפן אַן אינטימע פאַרבינדונג פון די קינדער מיט דער שול.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די דערגרייכונגען אין לערנען: אויב עס איז דאָ אַ סטימול, וועט יעדעס קינד וועלן זיך לערנען. מיר זענען געווען אין דער גליקלעכער לאַגע, וואָס מיר האָבן געהאַט אַ גלענצנדיקע, איבערגעגעבענע לערערין, מיס וויליאַמס, וועלכע האָט אויף אַ הויך־פּראָפעסיאָנעלן אופן סטימולירט די קינדער צו וועלן באַרייכערן זייער וויסן — און זי האָט דערגרייכט זייער גוטע רעזולטאַטן אין די אַלגעמיינע לימודים. היות דער קלאַס איז נישט קיין גרויסער, האָט זי אויך געקענטווידמען אַ טייל פון דער צייט יעדן קינד באַזונדער, אָפּהענגיק פון דער נויטווענדיקייט.

אַ חוץ דעם אַלגעמיינעם קוריקולום האָבן מיר אויך געלערנט יידיש.

דאָס לערנען אַ שפּראַך איז אַ גוואַלדיק קאָמפּליצירטער פּראָצעס, פאַרבונדן מיט אָן אַ שיעור וואַריאַנטן, וועלכע זענען נאָך אַלץ נישט קלאָר פאַר די לינגוויסטן, וועלכע פאָרשן דעם געביט. עס איז אָבער קלאָר, אַז שפּראַך דערמעגלעכט די פאַרשטענדיקונג און פאַרשטענדעניש צווישן מענטשן און פירט לסוף צו אַן אידענטיפיקאַציע מיט אַ קולטור. אונדזער ציל איז, אַז די קינדער זאָלן אידענטיפיצירן יידיש מיט יידישקייט, מיטן יידישן פאָלק. מיר טוען דאָס אויף אַלע מעגלעכע אופנים — אין אַ וועלטלעכער פאָרם.

נישטאָ קיין שום טייל פון דער יידישער קולטור און געשיכטע, וועלכע מיר קענען זיך דערלויבן צו באַזייטיקן, אַזוי לאַנג ווי עס פירט נישט צו אַ קאָנפליקט צווישן שטוב און שול. מיר ווילן אויפהאַלטן די האַרמאָניע צווישן די היימען פון אונדזערע קינדער און זייער שול.

אין לויף פון יאָר האָבן מיר דורכגעפירט פאַרשידענע פייערונגען און יום־טובים אין שול, וועלכע האָבן באַקענט און דערנענטערט די קינדער צו יידישער טראַדיציע און געשיכטע. קלאָר, אַז דאָס זענען נאָר די ערשטע טריט סיי פון די קינדער, סיי פון דער שול.

צום סוף לאָמיר זאָגן, אַז פונקט ווי דאָס יונגע קינד, וואָס האָט נאָכן ערשטן יאָר קוים געשטעלט זיך אויף די פיסלעך, דאַרף נויטיקט עס זיך נאָך אַלץ אין דער הילף און וואַרעמקייט פון דער סביבה — אַזוי אויך אונדזער שול.

דאָס ערשטע יאָר איז אַדורך מיט דערפאָלג. לאָמיר די שול אויך ווייטער אַרומרינגלען און שטיצן מיט ליבשאַפט און מיט גלויבן.

---

קאָלעדזש, איז פאַראַן אַ נויטיקייט צו דערמוטיקן דערוואַקסענע צו ערנסטע שטודיעס.

עס איז פאַרשטענדלעך וויכטיק, אַז דער קאָלעדזש זאָל צופּאַסן דעם פּראָגראַם צו די נויטן נישט בלויז פון די יונגע, נאָר אויך צו די דערוואַקסענע. אין משך פון די לעצטע קנאַפּע דריי יאָר איז די הויפּט־זאָרג געווען די אָרגאַניזאַציע און אַקצעפּטאַציע פון יידיש־פּראָגראַם פון קאָלעדזש; איצט דאַרף די אויפמערקזאַמקייט געווידמעט ווערן דעם אינהאַלט פון פּראָגראַם פון די יידישע לימודים. און די „קדימה“ און די יידישע שולן דאַרפן קענען זאָגן זייער וואָרט.

י. דינער

# יידישע לימודים ביים פּרעהרען קאָלעדזש

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דער פּראָגראַם פון יידישע לימודים ביים פּרעהרען קאָלעדזש פון העכערער בילדונג אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן.

דער פּראָגראַם פון יידישע לימודים איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אין 1973 מיט דער אַקטיווער באַטייליקונג פון דער „קדימה" און די יידישע שולן. אין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד זענען אויך אַנדערע יידישע חינוך־אָרגאַניזאַציעס צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַזוי וויכטיקער אַרבעט. אין משך פון די יאָרן 1974 און 1975 האָט דער קאָלעדזש געפירט נאָרמאַלע אַקאַדעמישע קורסן אין יידיש און יידישער ליטעראַטור, העברעאיש און יידישע געשיכטע. עס האָט אָבער גענומען גאַנצע צווי יאָר ביז וואַנען דער פּראָגראַם פון יידישע לימודים איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַלע אַקאַדעמישע און אַדמיניסטראַטיווע אינסטאַנצן — דאָ אין מעלבורן און אין קאַנבעראַ. ערשט איצט האָט דער פּראָגראַם באַקומען פולע אַקאַדעמישע רעכט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די בודזשעט־באַגרענעצונגען פאַר בילדונג פאַרן יאָר 1976, האָט דער קאָלעדזש, צום באַדויערן, נישט געקענט אַנגאַזשירן דעם פולן אַקאַדעמישן פּערסאָנאַל און דער פּראָגראַם וועט דעריבער נאָר טיילוויז אויסגעברייטערט ווער אין יאָר 1976.

עס מוז געזאָגט ווערן צום שבח פון קאָלעדזש, אַז די איניציאַטיוו איינצושטעלן אַ יידיש־פּראָגראַם איז געקומען פון קאָלעדזש גופא.

די איניציאַטיוו איז געקומען אין רעזולטאַט פון ווייטגייענדיקע ענדערונגען אין בילדונגס־סיסטעם בכלל און אין דער באַציאונג צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בפרט.

די פילאָזאָפיע און פּראַקטיק פון „שמעלץ־טאָפּ", וועלכע האָט דאָמינירט אין משך פון צענדליקער יאָרן אין אַ גאַנצע ריי לענדער, אויסטראַליע אַריינגערעכנט, גייט אַדורך אַ קריטישע ענדערונג. אַן ענדערונג סיי אין דער איינשטעלונג פון דער מלוכה, סיי אין דער איינשטעלונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן גופא. דער פּראָצעס פון אָנערקענען די ספּעציפישע קולטור־באַדערפענישן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן האָט אָנגענומען אויף אַ גינסטיקן קלימאַט און אָנגענומען קאָנקרעטע פאָרמען ספּעציעל אין משך פון די לעצטע דריי יאָר, אַ דאַנק אַ גאַנצע ריי שריט פון דער פעדעראַלער לייבאָר־רעגירונג.

ברייטע קרייזן פון דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט אָנערקענען די וויכטיקייט פון קולטור־פּלוראַליזם ווי דער איינציק ריכטיקער וועג פאַר אַנטוויקלונג, און וואַרפן אָפּ דעם וועג פון „שמעלץ־טאָפּ", וועלכער באַגרענעצט און פאַראַרעמט די נאַציאָנאַלע קולטור פון לאַנד.

אמת, ביי געוויסע טיילן פון דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט איז נאָך פאַרבליבן די אַלטע באַציאונג צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און זייער קולטור. אָבער דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן געוויסע טיילן אין דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע נעגירן בכלל דעם פאַקט, אַז די יידישע קהילה אין אויסטראַליע, ווי אַ נאַציאָנאַלע, עטנישע מינדערהייט האָט איגענע, ספּעציפישע קולטורעלע נויטן. די דאָזיקע קרייזן נעגירן בכלל דעם פאַקט אַז יידן זענען, פּונקט ווי אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אַן עטנישע גרופּע מיט אַן איגענער קולטור, מיט אַ ספּעציפישן יידישן וועג פון קולטורעלער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע קרייזן גיבן זיך ליידער נישט אָפּ קיין חשבון פון דעם, אַז זייער איינשטעלונג העלפט דעם פּראָצעס פון שפּראַך־אַסימילאַציע.

דער יידיש־רעדנדיקער, דער יידיש־וועלטלעכער טייל פון אונדזער געזעלשאַפט, האָט קיין מאָל נישט אָנגענומען די טעאָריע פון „שמעלץ־טאָפּ" און האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן, דאָ אין אויסטראַליע, געבויט זיינע יידישע קולטור־ און בילדונגס־נעץ. מיט זייער באַגרעגנעצטע מיטלען, אין אַ שפּראַכלעך־אַסימילירטער אַטמאָספער, האָט דער יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר געפלעגט די יידישע קולטור און יידישע שפּראַך.

דער יידיש־פּראָגראַם אין פּרעהרען־קאָלעדזש קען און דאַרף ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער ווייטערדיקער קולטור־אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין מעלבורן. זיין באַדייטונג באַשטייט קודם־כל אין דערמעגלעכן די קאָנטינואיטעט פון אונדזער יידישן שול־וועזן צו אַ העכערן ניווא, ווי אַ קוזניע פון יידיש־לערער און קולטורטוער.

ווי באַקאַנט, איז דער יידיש־לימוד אין די יידישע שולן אָנערקענט געוואָרן ווי אַ פולער מיטל־שול־לימוד און ווי אַן אַריינטריט־קעגנשטאַנד אין אוניווערסיטעט. די מעגלעכקייט פון ווייטערדיקן שטודירן יידישע לימודים אין די ראַמען פון אַ דיפּלאָם־קורס איז אָן שום ספק אַ ממשותדיקע דערגרייכונג.

און נישט ווייניקער וויכטיק — די איינשטעלונג פון קאָלעדזש איז צו דערמעגלעכן דערוואַקסענע, סיי פאַר די וואָס האָבן פריער געלערנט, סיי פאַר די וואָס האָבן אין זייער יוגנט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט פאַר נאָרמאַלע לערע, צו לערנען איין אָדער מער לימודים, און אַזוי אַרום אַריינציען אין בילדונגס־פּראָצעס די וואָס וואָלטן אַנדערש נישט געקענט צוריקגיין צום לערנען. די צאָל דערוואַקסענע, וואָס שטודירן היינט אין פאַרשידענע הויך־שולן איז אומגעהויער גרויס. מיר פאַרמאָגן ליידער נישט קיין שום אינפאָרמאַציע וועגן דעם, וואָס פאַר אַ טייל פון אונדזער יידישער סביבה, מענטשן דערוואַקסענע, טאַטעס און מאַמעס, געניסן פון די מעגלעכקייטן וועלכע זענען היינט פאַראַן אין אויסטראַליע. אָבער עס דוכט זיך, אַז ספּעציעל אין באַצוג צו יידישע לימודים, און טאַקע אין פּרעהרען־

פאַמיליע ער זאָל נישט אַרויסקומען — איז כמעט אַן עם־הארץ אין אַלעם, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש, מיט יידישער קולטור און יידישער פאָלקסטימלעכקייט. אין זיין „יידיש״ האַרץ איז דאָ אַ געפיל וואָס גייט נישט טיפער, ווי — פאַרעווע „בעלאָנגינג״ און ווער ווייסט צו דאָס יידישע „בעלאָנגינג״ האַרץ וועט האָבן אַ השפעה אויף זיינע קינדער?

דער יידישער „יאַנגמען״ איז דאָ אין אויסטראַליע פונקט אַזוי ענלעך ווי די יידישע „יאַנגמענס״ אין אַלע אַנדערע יידישע ישובים פון די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער. דער דאָזיקער יונגערמאַן איז איבערגעזעטיקט פון דעם אַלעם וואָס זיין האַרץ גלוסט. ער איז איבערגעזעטיקט סיי פון די טייערע אויטאָס, פון דער בילדונג און סיי פון די פאַרווילונג מעגלעכקייטן — ספּעציעל איז ער „סיק און טייערד״ פון דעם עגל־הזהב יאָגעניש פון זיינע עלטערן. און אַלס רעאַקציע קעגן דעם, זוכט ער עפּעס מיסטעריעזע... ביי אַ טייל פון די דאָזיקע יוגנטלעכע ווערט דאָס דאָזיקע מיסטיק־זוכעניש אויסגעלאָדנט אין נוסח ליובאַוויטש אָדער אַנדערע גאָט־זוכענישן. אָבער ביי דעם גרעסטן טייל איז עס זוכעניש פון אַ וועג צוריק צו די מקורות פון די רייכע יידישע קולטור־אוצרות. זייער אומרו באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ווילן צוריקגעפינען אונדזערע אייגענע יידישע ווערטן. מערקווירדיק איז דער פאַקט, וואָס ביי די דאָזיקע זוכער ווערט פאַרשוואונדן די פּאָליטישע חילוקי־דעותן, ווי מיר האָבן עס פאַרשטאַנען. די אַמאָליקע אונטערשיידן צווישן ציוניזם און דאַיזם — ווערן פאַרפלאַכט. וואָס די יוגנט וויל יאָ — איז אַ המשך פון יידישע ווערטן אין דער ראָם פון אַ העכערן גייסטיקן ניוואָ, ווי עס איז די איצטיקע יידישע קעגנוואַרט, אין וועלכער זיי לעבן.

צי נוצט די איינציקסטע און גרעסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע אין אויסטראַליע — די „קדימה״ (מיט איר גרויסע פאַרצווייגטע יידישע קולטור־אַרבעט) אויס אַלע מעגלעכקייטן, אַז די דאָזיקע יונגען ביי דער היגער יידישער יוגנט זאָלן געפינען אַן אויסדרוק?

דער ענטפער איז: ניין!!! און דערפאַר האָב איך געבראַכט אַלס ביישפּיל דעם זאָג: „טו די קדימה טשערטש״! איך האָב געבראַכט דעם דאָזיקן, להבדיל, פאַרגלייך, ווייל עס ווערט אַלץ שווערער און שווערער אַנצוגיין מיט אונדזער איצטיקער יידישער קולטור־אַרבעט. די משא פון איינהאַלטן די טראַדיציעס פון יידישע קולטור, פון יידישן וואָרט אין אַלע ניואַנסן און אַקצענטן — ווערן שווערער און שווערער — אַנטקעגן די פּראָבלעמען וואָס אונדזער קליינער יידישער ישוב האָט ביינצוקומען. מיר, די גרויע קעפּ, פירן זיך אין אונדזער געזעלשאַפטלעך־קולטורעלער אַרבעט אין דער „קדימה״ לויט די אַלטע איינגעשטעלטע טראַדיציעס. צי גיבן מיר דאָס איבער צו די יונגע — שוואַרצע אָדער די מיטעלערע שוואַרץ־גרווילעכע קעפּ?

אמת: כל־זמן מיר גייען נאָך אין די אַלטע שפּורן פון יידישער קולטור־טעטיקייט און פירן זיך לויט די אַלטע טראַדיציעס פון „קדימה״־טעטיקייט, זענען מיר נאָך אַ פעסטער קאָלעקטיוו אויפצוהאַלטן די יידישע ווערטן — אָבער עס בלייבט די אַלטע קשיא — צי בלייבן מיר נישט קיין „בעז־דיעטניקעס״? (אָן יורשים).

אין דער נישט־יידישער געזעלשאַפט קומט פאָר אַ קאַמף קעגן „עסטאַבלישמענט״, קעגן אַלטע איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציעס און קעגן אַלטע לעבנס־פאָרמען, אויך קעגן פאַרפעסטיקטע באַגריפן און טראַדיציעס. בעסער געזאָגט: אַ פאַרלייקענונג פון ווערטן בכלל. און הגם מען זאָגט, אַז „אַזוי ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך״ — פרעגט זיך: צי קענען מיר מיט אונדזערע, להבדיל, „טשערטש״־טראַדיציעס צוציען אונדזער יוגנט צו דער געזעלשאַפטלעך־קולטורעלער אַרבעט?

דער אויספיר דאַרף זיין: די עלטסטע און גרעסטע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע אין אויסטראַליע — די „קדימה״ — טאָר נישט בלייבן „פאָסיל״! די יידיש־וועלטלעכע קולטור, וואָס איז דער באַזיס פון דער „קדימה״־טעטיקייט, איז נישט קיין רעליגיעזע דאָגמאַטישע אַרבעט. נישט בלויז מיט רעפעראַטן, קעסטל־אָוונטן אָדער יידיש טעאַטער קענען מיר עקזיסטירן אויף אַ ווייטער מעטע. נייע מעטאָדן דאַרף מען אָנווענדן, כדי די „קדימה״ זאָל ווערן אין אונדזער קליינעם ישוב די יידיש־וועלטלעכע קולטור־אָרגאַניזאַציע פאַר אַלע שיכטן פון דער היגער יידישער באַפעלקערונג. די „קדימה״ דאַרף ווערן דער צענטראַלער יידישער און יידיש־ענגלישער סעקולערער צענטער. דאָס קען זיך אויסווירקן, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל זיך ענדערן סיי אין כמות און זיי אין איכות. דאַן וועט דער אַדרעס פון דער „קדימה״ זיין נישט ווי דער טעקסי־שאָפער האָט געזאָגט: „טו די קדימה־טשערטש״ — נאָר דער אַדרעס וועט זיין „טו די דזשואיש קאַלטשער אָרגאַניזיישאָן״. דאָס וועט אַוודאי און אַוודאי ברענגען יונגע, ענערגישע טוער און מיר וועלן פאַרשפּאָרן מורא צו האָבן, אַז מיר בלייבן אָן יורשים.

---

## לעבן מיר נאָך אַלץ אין 1878?

„דער אָרטאָדאָקסישער רב הכולל פון ענגלאַנד האָט געשריבן אין 1878, אַז סוף כל סוף אונטערשיידן זיך די יידן אין ענגלאַנד, פונקט ווי אַנדערע גרופּעס, בלויז אין פּרט פון רעליגיע. דערמיט האָט ער געלייקנט אין דער פאָלקישקייט פון יידישן פאָלק, פּונקט ווי דאָס וואָלט מעגלעך געווען צו טאָן און נישט פעלשן די געשיכטע און נישט פאַרטושן דעם עצם כאַראַקטער פונעם יידן אין די אויגן פון זיינע שכנים״.

דאָס איז אַן אויסצוג פון אַ רעדע, וועלכע יעקב הערצאָג ז״ל האָט געהאַלטן דעם 14־טן נאָוועמבער 1971 אינעם יידישן קאָנגרעס אין קאַנאַדע. ציטירט לויטן „פאָלקס בלאַט״, אָקטאָבער 1975.

י. אַרבאַך

# די קדימה־„טשערטש"...

געבנדיק אַ טעקסי־שאָפער דעם אַדרעס פון דער „קדימה", האָט ער מיר באַשטעטיקט דעם אַדרעס מיט דעם פאָלגנדיקן זאַג:

„האַ, טו די קדימה טשערטש, יעס, איי נאָו"...

איך האָב געגעבן אַ שמייכל אונטער דער נאָז און ווילנדיק, נישט ווילנדיק, זיך געגעבן אַ טראַכט אַריין אין דעם משונהמדיקן זאָג פון דעם טעקסי־שאָפער: „טו די קדימה טשערטש"? צי איז נישט אונדזער קולטור־אַרבעט אין דער „קדימה" ענלעך, להבדיל, צו דער אַרבעט פון אַ היינטצייטיקער פּרעסביטעריאַנער אָדער אוניטאַריען „טשערטש"?...

ווייל: עס וועט קיינער נישט אָפּלייקענען, אַז אין אונדזער קולטור־אַרבעט טוען מיר דאָס מאַקסימאַלסטע, אָבער מיר שטייען אויף איין אָרט און מיר מאַכן נישט קיין טריט פאָראויס, כדי דער יונגער ייִדיש־רעדנדיקער דור זאָל איבערנעמען אונדזער ייִדישע קולטור־אַרבעט. (אויך אין די אויבן דערמאָנטע „טשערטשעס" חזרט זיך איבער דער זעלבער פּראָצעס).

אין די דאָזיקע „טשערטשעס" ווערן אין אַ געוויסער מאָס נעגירט די נייע באַדינגונגען און צייט־פאַקטן, אַזוי אויך באַרעכטיקן מיר אין דער „קדימה"־אַרבעט, זאַכן וואָס זענען נישט צום באַרעכטיקן און ממילא קומט אויס, אַז מיר נעגירן — טיילוויז — די נייע.באַדינגונגען און די נייע צייט־פאַקטן. דער רעזולטאַט: מיר בלייבן אַ קליינע מחנה אין דעם היגן ייִדישן לעבן. מיר טוען גאָרנישט אַרויסצוהייבן די תוך־פּראָבלעמען פון דעם היינטיקן ייִדישן יונגן דור, און דער רעזולטאַט דערפון איז, אַז די יונגטלעכע קולטור־טוער, וואָס קומען אַריין אין דער „קדימה" כדי מיטצואַרבעטן מיט אונדז, דעם עלטערן דור, פאַרלאָזן די רייען פון דער „קדימה" ווי אַמשנעלסטן, אָדער זיי ווערן פּאַסיוו צו אונדזערע אַלע אָנשטרענגונגען. פּונקט ווי אין די אויבן דערמאָנטע „טשערטשעס", זענען די פאַרשידענע שליחים־פּאַסטאָרס פול אין זייערע אויפקלערונגס־אַרבעט מיט פונקען פון רעליגיעזע פלאַמען אין דער געדיכטער אַפּאַטיע פון זייערע „צאן־קדושים", אַזוי איז אויך ביי אונדז אין דער ייִדישער קולטור־אַרבעט: סיי פון די אָרטיקע קולטור־פּרעלעגענטן און סיי פון די אויסלענדישע קולטור־שליחים ווערן געוואָרפן גליענדיקע פונקען פון אונדזער ייִדישן קולטור־פלאַם אין דער געדיכטער פינצטערניש פון אַפּאַטיע און גלייכגילטיקייט צו ייִדישע קולטור, ייִדישע ווערטן און ייִדישער דערציאונג. עס דוכט זיך אויס, אַז פּונקט אַזוי ווי די „טשערטש"־פּאַסטאָרן און רעזווערענדן קענען נישט אויפרודערן די גלייכגילטיקייט פון זייערע צוהערער, אַזוי זענען מיר, מיט אונדזערע אַלע אָנשטרענגונגען פאַר דעם המשכדיקן גאַנג פון דורות ייִדישע קולטור; פאַר דעם מאָרגן פון אונדזערער ייִדישער קולטור, ווערן מיר ענלעך, להבדיל, צו דער דאָזיקער „טשערטש" טראַדיציע־אַרבעט.

אַוודאי וועט מען מיר מיט אותות און מופתים וועלן באַווייזן און אויפווייזן אַז איך בין אַ ביסל צו סאַרקאַסטיש און צו פּעסימיסטיש. ווי. עס זאָל אָבער נישט זיין, מוזן מיר מאַכן געוויסע אויספירן. זיי וואַקסן אויס אין שאָטן פון אומרו, אין שאָטן פון מידקייט, וואָס גרויע קעפּ פירן אָן כמעט מיט אַלע ייִדישע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס או דערצו נאָך — די אַפּאַטישע באַציאונג פון דער ייִדיש־רעדנדיקער און ייִדיש־דענקנדיקער יוגנט — צו אַלע אונדזערע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען. די אויספירונגען וואָס מיר מאַכן, זענען לויט דעם, ווי מיר שטעלן אַוועק די פראַגע: ווי אַזוי זעט איצטער אויס דער גייסטיקער ייִדישער פּרצוף פון אונדזער קליינעם ייִדישן ישוב ?

די געקנופּט און געבונדענע ייִדישע, מזרח־אייראָפּעאישע משפחות, וואָס האָבן אַריינגעוואַנדערט קיין אויסטראַליע אין די 20־30־קער יאָרן און אויך די וואָס זענען אַריינגעקומען אין די ענדע 40־50־קער יאָרן, ווערן לויז. מען לעבט נישט צוזאַמען, עס איז שוין נישטאָ מער דער משפּחה־ און פריינדשאַפט־קאָנטאַקט. פריידן און זאָרגן טיילט מען זיך מער מיט סתם באַקאַנטע, אויף פּאַרטיעס, ווי מיט אייגענע און נאָענטע. דער ייִדישער הויף־געבילדעטער יונגערמאַן פון די לעצטע יאָרן — פון וועלכער

---

די דעמאָלטדיקע בירגערלעכע פעדעראַלע רעגירונג פון ברוס־פּיידזש, ווילנדיק אויסנוצן דעם עקאָנאָמישן קריזיס פון לאַנד, האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ געוואַגטן שריט, צו אַנולירן דעם אַרביטראַזש־געריכט, אַ מלוכה־אַקט, וואָס פאַרזיכערט יעדן איינעם אַ מינימום־לוין. אַ געזעץ וואָס איז איינגעפירט געוואָרן נאָך יאָרן קעמפן. וואָס איז געוואָרן אַ באַשטאַנד־טייל פון דער אויסטראַלישערווירקלעכקייט.

די בירגערלעכע רעגירונג פון ברוס־פּיידזש, וואָס איז געגאַנגען מיט דער דאָזיקער לאָזונג צו די וואַלן, האָט נישט בלויז פאַרשפּילט. נאָר אַפילו דער פּרעמיער־מיניסטער אַליין, ברוס, האָט פאַרלוירן זיין פּלאַץ אין פּאַרלאַמענט און פאַר חרפּה איז ער אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד. אויף זיין אָרט איז געקומען די סקאַלין־לייבאָר־רעגירונג. אַזאַ איז געווען דער ענטפער פון דער אויסטראַלישער באַפעלקערונג. דאָס איז געשען אין אָקטאָבער 1929.

בין איך נישט געווען איבערראַשט, וואָס די אויסטראַלישע פראָפ.־באַוועגונג פייערט נישט דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב, דעם 1־טן מאַי. יעדעס לאַנד און יעדעס פאָלק האָט אַ רעכט אויף זיין טראַדיציע און זיינע מנהגים.

גרייטנדיק זיך צום יום־טוב און דער דעמאָנסטראַציע, האָב איך געהאָפט זיך צו טרעפן מיט מיינע פאַבריקס־פריינד, אויסגעפוצטע אין יום־טובדיקע מלבושים און נישט אין זייערע טעגלעכע אַרבעטס־בגדים און מיר אַלע וועלן דערפילן דעם פייערלעכן ציטער וואָס יעדער לעבט איבער אין געהויבענע מאָמענטן.

ווען איך בין געקומען צום זאַמל־פונקט און זיך צוגעשטעלט צום פלאַץ פון מיין פאַראיין, האָב איך זיך געפילט אַ ביסל אַנטוישט און פאַרוואונדערט. קיינער פון מיינע פאַבריקס־חברים זענען נישט געווען, אַפילו נישט דער פאַבריקס־דעלעגאַט. פון די אַנוועזנדיקע האָב איך קיינעם נישט געקאָנט. פון טויזנטער מיטגלידער זענען אפשר געווען אַ צוויי צענדליק. אין גאַנצן נישט קיין יונגע מענטשן אין מיינע יאָרן. אַלע זענען די שוין געווען אין טיפן עלטער. אַזוי איז געווען דער מענטשן־מאַטעריאַל פון אַלע אַנדערע יוניאָנס. קיין רויטע פענער האָב איך בכלל נישט באַמערקט. ס'איז געווען צו האָפן, אַז די אויסטראַלישע אַרבעטער, מיט אַ רייכער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, וועלן באַצירן זייערע דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פענער, וואָס זענען די סימבאָלן פון גרויסע סאָציאַלע קאַמפן.

יעדער פאַראיין האָט טאַקע געהאַט זיין אייגענע פאָן. אָבער יעדע פאָן מיט אַן אייגענעם סימבאָל. צ.ב.:

דער שניידער־פאַראיין — אַ פאָן מיט אַ גרויסער שער;

דער סטאָליער־פאַראיין — צוויי אַרבעטער, איינער האַלט אַ היבעל, דער צווייטער — אַ זעג;

די פאָרט־אַרבעטער — אַ שיף מיט צוויי פרויען פון בײדע זייטן;

סטאַלמאַכערס אָדער וואָגן־אַרבעטער — צוויי פערד אויסגעפוצט ווי אין אַ צירק;

מעטאַל־אַרבעטער — אַרבעטער גיסן מעטאַל פון אַ גרויסן קעסל אויף אַ פלאַטע. א.א.וו.. א.א.וו.

אַזוי האָט זיך געצויגן די דעמאָנסטראַציע, איין פאַר איין נאָכן צווייטן מיט בלאָז־אָרקעסטערס, געדונגענע פון פייערלעשער אָדער אַנדערע קלובן.

נאָך זיי האָט זיך געצויגן אַ גרויסער צוג מיט פלאַטפאָרמעס, באַפוצטע מיט דעקאָראַציעס פון פירמעס, וואָס האָבן ברייט אַנאָנסירט פראָדוקטן, ווי ביר, סיגאַרעטן, פאַרשידענע שמינקעס, וואָס ווערן אויסגעאַרבעט אין אויסטראַליע. דאָ און דאָרטן האָב איך באַמערקט טראַנספאַראַנטן מיט אַקטועלע לאָזונגען פון דער צייט. אָבער זיי זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים פון די אַלע רעקלאַמעס.

אין שפיץ פון דער דעמאָנסטראַציע זענען געריטן די פאָליציי אויף ווייסע פערד מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, און דאָס האָט צוגעגעבן פייערלעכקייט. אויך ביי די זייטן איז געווען רייטער־פאָליציי צו האַלטן אָרדענונג. אַז עס זאָלן נישט געשען קיין שום אינצידענטן.

מיט געמישטע געפילן בין איך אַ היים געקומען פון דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע. איך האָב פיל וועגן איר געטראַכט...

* * *

איך האָב געהאַט נאָך אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען, ווי אַזוי עס ווערט געפירט די פאַראיינס־באַוועגונג. דאָס איז געווען די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיט וואַלן פון אַ נייער פאַראיינס־פאַרוואַלטונג.

אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז דאָך אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן כאַראַקטער סיי פון אַ יחיד, סיי פון דער מאַסע. זיי ברענגען אַרויס זייערע טענות און פאַרלאַנגען. מיינע מחשבות האָבן מיך אַ פיר געטאָן צו דער אַלטער היים, וואָס איך האָב נאָר וואָס פאַרלאָזט. דיסקוסיעס, פאַרמעסטונגען פון יעדער פאָליטישער גרופע אָדער פראַקציע צו באַהערשן, באַאיינפלוסן דעם פאַראיין. צווייטנס — פראַגן פון פאָליטישן און עקאָנאָמישן כאַראַקטער, מיט וועלכע יעדער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער האָט געלעבט.

און איך האָב געטראַכט, אַז מסתמא וועלן דאָ אויך זיין אַזעלכע סצענעס. בפרט, אַז אין לאַנד הערשט אַ קריזיס, אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. מען רייסט די לוינען, וואָס ווערן דורכן שידס־געריכט געדעקט. דאָס אַלץ וועט זיכער קומען צום אויסדרוק אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

אָבער ווען איך בין געקומען צו דער פאַרזאַמלונג, האָב איך געטראָפן, פון איבער טויזנט מיטגלידער, בלויז דעם אָפּטרעטנדיקן קאָמיטעט מיט נאָך אַ 10־12 מענטשן. אַלץ עלטערע. קיינער נישט פון מיינע יאָרן. פון מיינע פאַבריקס־חברים איז אויך קיינער נישט געקומען. אַפילו נישט דער פאַבריקס־דעלעגאַט. די פאַרזאַמלונג איז אַדורך זייער שנעל. אין אַ שעה איז דער טאָג־אָרדענונג געווען אויסגעשעפט און מ'איז אַ היים געגאַנגען.

איך האָב זיך געפרעגט. וואָס איז די סיבה פון אַזאַ גלייכגילטיקייט פון די אַרבעטער צו זייערע אינסטיטוציעס? און איך האָב געפונען דעם ענטפער. די סאָציאַלע דערגרייכונגען און פאַרהעלטנישמעסיקער עקאָנאָמישער וואוילשטאַנד פון די אויסטראַלישע אַרבעטער האָבן פסיכיש אָפגעטעמפט ביי זיי דעם קאַמפס־אינטערעס.

אָבער אין געציילטע חדשים נאָך די דאָזיקע באַגעגענישן, האָב איך נאָך עפעס געלערנט. די אויסטראַלישע אַרבעטער־מאַסע איז נאָך נישט אַזוי פאָליטיש אָפגעטעמפט, אַז זי איז צו אַלעם גלייכגילטיק. ס'איז גענוג געווען, אַז מען זאָל וועלן ענדערן געוויסע יסודות, אויף וועלכע ס'איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די אויסטראַלישע דעמאָקראַטיע, אַז אַלץ זאָל זיך אַ טרייסל טאָן.

ס. בורשטין

# מעדיטאַציעס וועגן דער אויסטראַלישער אַרבעטער־באַוועגונג

### אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט

פאַר מיין קומען קיין אויסטראַליע האָב איך געהאַט אַ שטיקל באַגריף וועגן דער ראָל פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג (טרייד־יוניאָן) און פון דער אויסטראַלישער לייבאָר־פּאַרטיי און די געשטאַלטונג פון פּאָליטישן לעבן פון אויסטראַליע. די דאָזיקע צוויי קערפּערשאַפטן, די צווייִ־איינקייט האָבן געפורעמט די אויסטראַלישע דעמאָקראַטיע. איז געווען פאַר מיר נאָרמאַל (צו מיין אָנקומען קיין אויסטראַליע) אַלס אַרבעטער צו ווערן אַ מיטגליד אין מיין יוניאָן. כאָטש ס'איז נישט קיין צוואַנג, קיין מוז־זאַך צו געהערן צו אַ יוניאָן, האָב איך מיט פאַרגניגן אָנגענומען די ווענדונג פון מיין פאַבריק־דעלעגאַט צו ווערן אַ מיטגליד אין מיין פאַראיין. בפרט, אַז די יוניאָן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פעסטונג. וואָס האָט אויסגעקעמפט אַן 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און אַ געזעצלעך־געזיכערטן מינימום־לוין, שכירות וואָס זענען נישט אויסגעשטעלט אויפן חסד פון דעם פאַבריקאַנט אָדער אונטערנעמער.

אײדער איך גיי איבערגעבן מיינע ערשטע איינדרוקן פון דער יוניאָן־באַוועגונג, איז נויטיק אַ ביסעלע געשיכטע, כדי צו פאַרשטיין ווי אַזוי די אויסטראַלישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט.

אין די צייטן פון 18־טן יאָרהונדערט, בעת דער אינדוסטריאַליזאַציע אין ענגלאַנד, זענען דאָרטן פאַרגעקומען גרויסע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפן. די אַרבעטער האָבן געקעמפט פאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. די ענגלישע ריכטער, כדי פּטור צו ווערן פון די רעוואָלוציאָנערן, פון די, וועלכע שטערן די „רו", האָט זיי פאַרמשפט פאַרשיקט צו ווערן אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. אָבער דאָרטן איז די לאַגע געוואָרן נישט זיכער מיט דער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג קעגן דער ענגלישער הערשאַפט. איז אויסטראַליע געוואָרן דאָס צווייטע אָרט פאַר אַזאַ פאַרשיקונג. בפרט, אַז די ווייטקייט איז געווען ווי אָנגעמאָסטן נישט צו קענען אַנטלויפן.

די דאָזיקע ערשטע סעטלער — „קאָנוויקטס", פאַרברעכערס — ווי מ'האָט זיי גערופן וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אין דער אַלטער היים פּראָטעסט קעגן עוולות און דיסקרימינאַציעס, פאַרביטערט קעגן סאָציאַלן אומיושר, באַהויכט מיט רעוואָלוציאָנערן מוט, האָבן געפורעמט דעם כאַראַקטער פון פּאָליטישן קאַמף.

אַלס צייכן פון דער דאָזיקער אויסשולונג און פאַרהאַרטעוועטקייט, קען דינען דער גרויסער סאָציאַלער אויפשטאַנד אין באַלאַראַט, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע פון אויסטראַליע אונטערן נאָמען „יוריקא־סטאָקייד. דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1854 און איז ביזן היינטיקן טאָג דער סימבאָל פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטישע רעכט.

שוין אין די 50־קער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט פירן אַ ריי שטאָטן פון אויסטראַליע איין דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. פון יענע צייטן ביז היינט שטייט אַנטקעגן דעם „טריידס־האָל" (די געביידע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין מעלבורן), אַ מאָנומענט פון דריי אַכטן — 8 8 8 , וואָס באַדייטן: 8 — אַכט שעה אַרבעט; 8 — אַכט שעה פאַרברענגען; 8 — אַכט שעה רו.

פאַר אַ פרישן עמיגראַנט איז עס נישט אַזוי לייכט צו באַנעמען די גרויסע סאָציאַלע דערגרייכונגען פון די אויסטראַלישע אַרבעטער. אין איראָפּע האָט מען נאָך ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה געקעמפט צו ערשט פאַר אַ 12־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג און שפּעטער פאַר אַ 10־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. ערשט נאָך דער מלחמה האָט מען אָנגעהויבן צו ראַטיפיצירן, נאָך גרויסע פּאָליטישע קאַמפן, דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג. און דאָ אין אויסטראַליע, מיט 75 יאָר פריער, האָט די אַרבעטער־באַוועגונג שוין אויסגעקעמפט דעם 8־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג.

אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָבן די טרייד־יוניאָנס אויסגעקעמפט אַ געזיכערטן, געריכטלעך־געשיצטן מינימום־לוין. אַפילו יעדע לוין־העכערונג איז אויך געזיכערט מיט אַ געריכטלעכן אורטייל.

צי קען אַ יונגער אימיגראַנט, אַ „גרינגער", אין יאָר 1928, דאָס אַזוי לייכט פאַרשטיין?... איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז צו געהערן צו אַזאַ משפחה איז נישט נאָר אַ פאַרגעניגן, נאָר אויך אַ זכיה.

* * *

ס'איז מיר אַ לענגערע צייט נישט אויסגעקומען צו קומען אין אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט מיין יוניאָן. זען פון דער נאָענט, ווי אַזוי ער אַרבעט; ווי איז די באַציאונג פון דער אָנפירערשאַפט צום יחיד, צום פּשוטן מיטגליד. דער פאַבריקס־דעלעגאַט מאָנט טאַקע אויף דעם יוניאָן־אָפּצאָל, און מיט דעם ענדיקט זיך עס. בין איך געווען מער ווי צופרידן, ווען מיין יוניאָן־טוער האָט מיר געמאָלדן, אַז אין קורצן ווערט געפייערט דער „לייבאָר־דעי", דער אַרבעטער־יום־טוב. דעמאָלט קומט פאַר אַ דעמאָנסטראַציע, וואו די אַרבעטער מאַרשירן איבער די גאַסן פון מעלבורן מיט זייערע פענער און לאָזונגען. דאָס פאַלט אויס יעדעס יאָר די צווייטע וואָך, אַ מאָנטיק, פון חודש מערץ.

און נישט דעם 1־טן מאַי?

(אין אויסטראַליע) צו די יובל־פּייערונגען פון „200 יאָר אויסטראַליע״.

יידן האָבן, פּראָפּאָרציאָנעל, געגעבן אַ גאָר גרויסןביישטייער אין דער אַנטוויקלונג פון אויסטראַליע. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען דאָס גרויסע דאָקומענטירט בוך „דער אויסטראַלישער בראשית״, געשריבן פון ראַביי דזשאָן ליוויי און ד״ר דזשאָרדזש בענדזשאַמין. עס נעמט אַרום די ערשטע 50 יאָר פון די אויסטראַלישע קאָלאָניעס און די ראָל, וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד אין אָט די פּיאָנערישע יאָרן. דאָס איז אַ גאָר וויכטיק ווערק, וואָס באַווייזט דאָקומענטאַריש אַ ריי יידן פאַרשיקטע פון ענגלאַנד (כמעט אַלע צוליב קליינע גנבות אויף נישטיקע סומעס, פאַר וועלכע מען האָט אין ענגלאַנד צו יענער צייט געגעבן אַזש טויט־שטראָף, אויסגעטוישט אויף קאַטאָרגע). פון די יידן (נאַטירלעך נאָר פון אייניקע פאַמיליעס) זענען אַרויסגעקומען גאָר באַדייטנדיקע אויפטוען און דערגרייכונגען אויפן קאָמערציאָנעלן און קולטורעלן געביט, אַנדערע אויך אין פּאָליטישן לעבן.

אָט דער אינטערעסאַנטער קאַפּיטל אין אויבן דערמאָנטן בוך נעמט נאָר אָבער אַרום דעם ערשטן האַלב יאָרהונדערט פון די אויסטראַלישע קאָלאָניעס. נאָך וויכטיקער (פון אַלע אַספּעקטן) איז דער יידישער צושטייער צו דער אויסטראַלישער אַנטוויקלונג אין די לעצטע 100 יאָר. דאָס דאַרף ווערן אויסגעפאָרשט און גוט באַאַרבעט פון דער יידישער זייט און ווערן ווי געהעריק צוגעגרייט אין בוך־פאָרם אין ענגליש און אין יידיש.

דאָס איז אַ גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, וואָס דאַרף געטאָן ווערן דורך אַ נאַציאָנאַלן ייד, וואָס האָט אַן אַנדער צוגאַנג צו יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. צו יידישער דערציאונג און צום יידישן נאַציאָנאַלן לעבן בכלל, וואָס באַשטייט נישט בלויז פון סינאַגאָגעס...

אַמעריקע שטייט שוין אויפן שוועל פון אירע יובליי־פּייערונגען און איך גלויב, אַז דער יידישער אָנטייל וועט, מסתמא, זיין אַ גאַנץ אָנגעזעענער און אַ געהעריק צוגעגרייטער. אונדזער אויסטראַלישער ישוב האָט נאָך גענוג צייט זיך צוצוגרייטן צו די פאָרשטייענדיקע גרויסע פּייערונגען מיט אייגנס. און איך מיין, אַז „קדימה״ דאַרף נעמען די איניציאַטיוו און רופן באַראַטונגען פון אַקאַדעמישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע קרייזן, צוצוגרייטן אַ ריי פּראָיעקטן, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען דעם יידישן ביי־טראָג אין אויסטראַליע, פון קאָלאָניאַלן פּעריאָד ביז היינט צו טאָג.

אונדזער יידישער סעקטאָר וואָלט געדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט שאַפן די מיטלען עס זאָל אַרויסגיין אַ באַנד פון די מוסטער־ביכער אין אַרגענטינע א״נ „אַנטאָלאָגיע — אויסטראַליש״. לעצטנס איז דערשינען אַזאַ „אַנטאָלאָגיע — קאַנאַדיש״. און אַפילו אַזאַ קליינער ישוב ווי טשילי, האָט אויך צווישן די מוסטער־ביכער אירס אַן אַנטאָלאָגיע. אין דעם באַנד דאַרפן אַריינגיין ליטעראַרישע, פּובליציסטישע (און סאָציאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכע) אַרבעטן; אויך אַ סך בילדער פון יידישע אייגנטימלעכקייטן אין אויסטראַליע, וואָס האָבן אַ געשיכטלעכע באַדייטונג. דאָס איז נאָר איין ביישפּיל וועגן פּראָיעקטן. וועלכע פאָדערן פיל צייט ביים צוגרייטן און זיי ווי געהעריק רעאַליזירן.

לויט אַלע סימנים גייען מיר איצט אַדורך אַ פּעריאָד פון אַ וואַקסנדיקער שטאָלץ פון נאַציאָנאַלע קולטורן. אויך דאָס דאַרף קומען צום אויסדרוק לגבי אונדזער יידישער קולטור ביים אָפּצייכענען דעם 200־יאָריקן אויסטראַלישן יובל. אין דעם דערמאָנטן בוך פון אויסטראַלישן בראשית ווערט פאַרצייכנט, וואָס פאַר אַן אָנטייל יידן (אָדער פון יידישן אָפּשטאַם) האָבן געהאַט בעתן ערשטן קאָלאָניאַלן פּעריאָד אין עקספּאָרט און אימפּאָרט קיין אויסטראַליע: רוי־שטאָפן, אַגראַר־פּראָדוקטן, דער אָנטייל אין דער וואָל־פּראָדוקציע, אַזוי אויך אין אימפּאָרט פון אויסגעאַרבעטע זאַכן, אין וועלכע יידישע סוחרים האָבן זיך אַרויסגערוקט אויבן־אָן. קאָמערציאָנעל איז דעמאָלט שוין געווען אַ צוויי־זייטיקער פאַרקער, אָבער אין קולטורעלן זין נאָר איין־זייטיק, מחמת די קאָלאָניעס האָבן נישט געהאַט דאַן וואָס צו עקספּאָרטירן...

זינט דעם צווייטן וועלט־קריג האָבן אויסטראַלישע קינסטלערס און שרייבערס דערגרייכט אַ וועלט־רעפּוטאַציע און הויכע פּאָפּולאַריטעט. ווערק פון אַ ריי אויסטראַלישע שרייבערס זענען געוואָרן „בעסט־סעלערס״ אויפן ביכער־מאַרק פון פיל לענדער און קאָנטינענטן. אויסטראַליע האָט איצט שוין וואָס צו עקספּאָרטירן אויך פון איר ליטעראַטור און קונסט.

ווידער דער צווייג פון דער אויסטראַלישער יידישער ליטעראַטור האָט אויך אַן אָפּקלאַנג אין דער יידישער קולטור־וועלט, וואָס וועט זיך זייער וואַרעם אָפּרופן. מסתמא, אויף אַן אַנטאָלאָגיע — אויסטראַליע.

ווען איך האָב דעם יאָר שטודירט די אויסטראַלישע ליטעראַטור און אַנאַליזירט אירע וויכטיקסטע שרייבערס, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק די נויטיקייט פון אַ באַזונדער גרעסערע אַרבעט וועגן יידישער טעמאַטיק און יידישע טיפּן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. מיר לעבן מיט אונדזערע נישט־יידישע שכנים אין אויסטראַליע, זינט איר אַנטשטייאונג. ווי אַזוי זעען מיר אויס אין די אויגן פון אַ נישט־יידישן אויסטראַלישן שרייבער? ווי אַזוי קוקט ער אויפן יידישן אַסימילאַטאָר? וועלכע זענען די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע יידישע טיפּן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור? און ווי אַזוי האָבן אויסטראַלישע יידן—שרייבערס געשילדערט דאָס אימיגראַנטישע יידיש־לעבן?

דאָס זענען אָנגעצייכנטע, אָדער נאָר אָנדייטנדיקע, פּראָיעקטן וועלכע דאַרפן אַריינגיין אין דעם פּלאַן פון די צוגרייטונגען צו דעם 200־יאָריקן יובליי פון אויסטראַליע, וואָס דאַרפן ערנסט דורכגעטראַכט ווערן, אָדער מיר טרעטן צו צו קאָנקרעטע מעשים.

טאָן אין דער זאַך... און צו בלייבן וואוינען אין די וויסטענישן, באַזונדערס ווען עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער, און קיין דאָקטער האָט מען נישט געקראָגן אויף הונדערטער מיילן (דער „פליענדיקער דאָקטער" אינעם הינטערלאַנד, געהערט שוין צו אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל אין דער אויסטראַלישער געשיכטע) — אין ליכט פון דעם קען מען ערשט באַגרייפן וויפל אויסדויער און מוט די פּיאָנערישע קאָלאָניסטן האָבן געדאַרפט פאַרמאָגן אין יענער צייט.

עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ בילדל פון איר שילדערונג, ווען אירס אַ ייִנגעלע האָט באַקומען שטאַרקע קאָנוווּלסן, און געוווּנט איז זי דאַן אין די הויכע מאָנאַטן. אין אַזאַ צושטאַנד האָט זי זיך אַ גאַנצן טאָג געראַנגלט צו דערהאַלטן דאָס קינד ביים לעבן אין אַ גליענדיקער הויכער טעמפּעראַטור. ערשט פאַרנאַכט, ווען ס'איז געוואָרן עטוואָס קילער, האָט זי אים אַוועקגעפירט צו אַ דאָקטער — אַ נסיעה אויך אויף אַן אָנגעגליטן זאַמד נאָך פון דער בייטאָגיקער זון.

זי דערציילט אויך אַן עפּיזאָד. ווען איר פינף־יאָריק ייִנגעלע האָט אַוועקגעוואַנדערט פון שטוב צענדליקער מיילן, און ווען מען האָט אים ענדלעך געפונען, האָט ער דערציילט, וואָס ער האָט אַלץ דורכגעמאַכט אין דער פינצטערער נאַכט. דאָס זענען נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדן — שפּריצן פונעם טעגלעכן לעבן פון דער פּיאָנערישער תקופה אין אויסטראַליע.

* * *

אַן ענלעכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין אַמעריקע בעת אירע פּיאָנערישע יאָרן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס מיט 200 יאָר צוריק (1776) איז אין אַמעריקע שוין געווען דאַן אַ נעץ פון קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך געצויגן פון אַטלאַנטישן ברעג ביזן פּאַציפיק און אַפילו דעם אַרקטישן אָקעאַן. די קליינע באַפעלקערונג איז געווען צעשפּרייט איבערן ברייטן קאָנטינענט מיט זיינע גרויסע שטחים לאַנד.

ווי אַזוי פון אַ געוויינטלעכער אַגראַרישער געזעלשאַפט איז געוואָרן די וועלט־גרעסטע טעכנאָלאָגיש־אַנטוויקלטע ציוויליזאַציע מיט איר סאָפיסטיצירטקייט — ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען אין אַזאַ קורצן געשיכטלעכן שפּאַן — דאָס איז אַ קאַפּיטל מיט וועלכן מיר קענען, נאַטירלעך, זיך דאָ נישט פאַרנעמען. מען קען נאָר באַמערקן, אַז די א"ג „גרינדונגס־פּאָטערס" פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זיך דאָס נישט געחלומט עס זאָל קומען צו אַזאַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון לעבן.

אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור איז דער פּראָצעס אָפּגעשפּיגלט געוואָרן דורך קינסטלער און סאָציאָלאָגן. מיר וועלן דערמאָנען נאָר דאָ דעם שרייבער דאַניעל י. בורסטין, וועלכער האָט אין זיינע פאַרטיפטע אַנאַליזן באַהאַנדלט די טראַנספאָרמאַציע, וואָס אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט סאָציאַל־פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, ביז עס איז געוואָרן דאָס וואָס מיר קענען היינט אונטערן נאָמען פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ....

איך גלויב, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט אויסטראַליע דורכגעמאַכט אַן ענלעכן פּראָצעס אין דער טעכנאָלאָגישער אַנטוויקלונג, ווי אין דער אויספורעמונג פון נאַציאָנאַליזם. אויך אַפילו אין די ליטעראַטורן פון ביידע קאָנטינענטן זענען דאָ געמיינזאַמע שטריכן. למשל, אין די ווערק פון הענרי לאָוסאָן, מערי גילמאָר, אָדער אַ'דאָוד, קען מען געפונען בשותפותדיקע עלעמענטן מיט די ווערק פון וואָלט וויטמען. אַוודאי זענען אויך פאַראַן אונטערשיידן אינעם צוגאַנג צום נייעם לעבן אין לאַנד און צו ערדישקייט־דעטאַלן בכלל, צו וועלכע אויסטראַלישע שרייבערס גייען צו מער אוממיטלבאַר, ווי די אַמעריקאַנער. כאַראַקטעריסטיש: עס האָט גענומען אַ הונדערט יאָר ביז די אַמעריקאַנער שרייבערס האָבן אויפגעהערט נאָכגיין די ליטעראַרישע מאָדעס פון ענגלאַנד און ווערן אומאָפּהענגיק. עס איז אַ פאַקט, אַז ביז 1865 האָבן אַמעריקאַנער שרייבערס אימיטירט דאָנניך, אַרנאָלדן, טעניסאָנען. ווּדסוואָרטהן און אַנדערע. אין אויסטראַליע האָט עס גראַדע נישט גענומען אַזוי לאַנג.

אפשר איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט, וואָס אויסטראַליע איז געווען אַזוי ווייט און איזאָלירט פון די וועלט־צענטערס. דאָס איז טאַקע געווען אַ גרויסער מינוס אויף פיל געביטן, אָבער גראַדע אין דער ליטעראַטור האָט זיך עס אַרויסגעוויזן פאַר אַ מעלה: עס האָט געהאָלפן דעם אויפשפּראָץ פון אַ קאָלאָניאַל פאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף אַ קאָלאָסאַלן שטח, ווייט און איזאָלירט פון די אַנטוויקלטע אַנגלאָ־זאַקסישע ישובים. מען האָט זיך געדאַרפט אַליין שטעלן אויף די אייגענע פיס און נישט לעבן בלויז מיט דער אימפּאָרטירטער ליטעראַטור, נאָר שאַפן אויך אַן אייגענע, וואָס אַקצעפּטירט „איינפלוסן". אָבער נישט אימיטירונג...

די אַמעריקאַנער שרייבערס, וועלכע האָבן ליטעראַריש ענדלעך דערגרייכט די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט", זענען געווען וועג־ווייזערס פאַר אויסטראַלישע שרייבערס, ווי זאָגנדיק צו זיי: — איר קענט נאָר ווערן אינטערעסאַנט, ווען איר וועט שרייבן ווי אויסטראַלישע שרייבערס, דאַן וועט איר באַקומען וויטאַליטעט, פרישקייט און קראַפט. געפינט נאָר אין זיך די כוחות איר זאָלט דערקענט ווערן אינדיווידועל, ווי אויסטראַליער, און ווי אַזעלכע וועט איר קענען ווערן אוניווערסאַלע שרייבערס.

און פּונקט ווי אין אַמעריקע, זינט וויטמען איז געוואָרן דער וועג־ווייזער, איז די פּאָעזיע געוואָרן טעמאַטיש, טעכניש און מעטאָדיש — אַמעריקאַניש. אַזוי איז אויך געשען אין אויסטראַליע, זינט לאָוסאָן און זיין גרופּע איז אַרויף אויף דער בינע און די ליטעראַטור איז געוואָרן אויסטראַליש.

דער מוסר השכל פון דעם געזאָגטן, פאַר ייִדישע שרייבערס, ליגט ממש אויף דער האַנט. איך וועל דערריי־בער שטעלן דאָ אַ פּונקט און איבערגיין צו אַן ענין, וואָס האָט דירעקט צו טאָן מיט די ייִדישע צוגרייטונגען דאָ־הי

י. קאַהאַן

# אַמעריקע און אויסטראַליע גייען פייערן זייער 200־יאָריקן יובל

בײדע לענדער (און קאָנטינענטן) האָבן צווישן זיך אַ סך געמײנזאַמס. זײ האָבן דורכגעמאַכט ענלעכע פּראָצעסן אין זײער קאָלאָניאַלן פּעריאָד און אויך שפּעטער, בעת זײער אומאָפּהענגיקײט.

אַוודאי זענען פאַראַן אַ סך אונטערשײדן, למשל, אויסטראַליע האָט נישט הינטער זיך אַמעריקעס היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער שוואַרצער שקלאַפערײ, אָדער פון דעם פּיראַטן־סיסטעם אין די עליזאַבעטישע צײטן. זי האָט נישט די געשיכטע פון די „פּילגרים־פּאַטערס" און זי האָט נישט די טראַדיציעס פונעם אַמעריקאַנער בירגער־קריג און פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער פּערמענטאַציע. נישט די פילאָזאָפיע פון מענטשנרעכט און אויך נישט דעם קאַמף פאַר פרײַהײט און עמאַנציפּאַציע. איך קען נאָך צוגעבן, אַז זי האָט אויך נישט די „מאָרמאָנען" סעקטעס און נאָך אַנדערע אונטערשײדן, וואָס טײלט אויס בײדע לענדער אין זײער בראשית און אַנטוויקלונג אין לויף פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר.

אָבער טראָץ די אַלע אונטערשײדן איז דאָ פיל בשותפותדיקע שטריכן אין דעם וועג — ריכטיקער — אין דעם שפּרונג (אָדער קפיצת הדרך) וואָס די בײדע קאָנטינענטן האָבן דורכגעמאַכט אין אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צײט פון אַ געשיכטלעכן אָפּשניט.

ווען מיר נעמען צאָלמעסיק דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, זעען מיר, אַז אין לויף פון 200 יאָר איז עס געשטיגן 90 מאָל אַזוי פיל (אין 1776 זענען געווען נאָר צוויי און אַ האַלבער מיליאָן מענטשן).

ווידער אין אויסטראַליע איז די באַפעלקערונג (די ווײסע) אויסגעוואקסן — זינט דער ערשטער שיף פאַרשיקטע — פון די בערך טויזנט נפשות (1778) ביז פערצן מיליאָן (לעת עתה) און עס פעלט נאָך אַ 12 יאָר צו דעם קײלעכדיקן ציפער פון 200 יאָר (1988) ווײסער אויסטראַליע.

לאָמיר דאָ אויך דערמאָנען, אַז אויף דעם אויסטראַלישן שטח פון אַ דרײ מיליאָן קוואַדראַט מײלן איז געווען אַ מענטשלעכע לײדיקײט מיט קנאַפּע 200 יאָר צוריק (מען שאַצט די אַבאָרידזשינישע באַפעלקערונג דאַן צו אַ 300 טויזנט נפשות איבער דעם גאַנצן קאָנטינענט). אַ לאַנד וואָס איז געווען געאָלאָגיש אַזוי אַלט, האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט געבליבן שטײן סטאַטיש, אָן אַנטוויקלונג, אפשר אַ מיליאָן יאָר. מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן זיך געפילט אויף דעם לײדיקן קאָנטינענט פון מענטשן, און באַגעגנט אַזעלכע פרעמדע חיות, פײגל, פלאַנצן. זײ האָבן זיך געטראָפן מיט בײמער, וועלכע זײ האָבן פריער קײן מאָל אין לעבן נישט געזען, און די בײמער אין בוש זענען געווען, ווי די שטערן אין הימל, אָבער זײ האָבן נישט געלויכטן אויפן געמיט, נאָר פאַרקערט — געדריקט ווי אַ שוואַרצער וואָלקן. דאָס לאַנד ריזעדיק, ביזאַר, רויט, מיט פעלדזן־קײטן, וואָס זענען געוואָרן סימבאָלן, אָפּגעזונדערט, און אַזוי ווײט פון דער אַלטער וועלט.

די ערשטע קאַפּיטלען פון דער אויסטראַלישער געשיכטע פאַרמאָגן אַ סך פּעסימיסטישע טענער לגבי דעם לאַנד און זײן צוקונפט. הײנט, ווען מיר קוקן אויף זײ פון אַ ווײטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, זעען מיר קוראַזש, אויסדויער, נצחון איבער די דורכפאַלן, נויט, בעסטיאַלישקײט. געשעענישן פון פּיאָנערישן בראשית זעען הײנט אויס אַנדערש, ווען מען קען זײ אָפּשאַצן אין אַ היסטאָרישער ראַם. אָבער ווען מיר זאָלן קענען אַרײנגײן אין דער הויט פון יענע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געלעבט אין באַדינגונגען, ווי עס באַשרײבט, למשל, אַ מרס. ווהײט (אין איר בוך „וועגן גײען נישט דורך"), ווען זי שילדערט דאָס לעבן פון אַ שטאַטיש־דערצויגענער פרוי, וועלכע גײט אַוועק מיט איר מאַן און פיר־יאָריק קינד אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער וועלט, וואָס פירט דורך אַ באַרגיקן זאַמדיקן לאַנד. דאָרט דאַרפן זײ אָנפירן מיט אַ פּי־סטאַציע אויף אַ שטח פון אַ מיליאָן אַקער לאַנד.

לײענט איר אַזאַ געשיכטלעכן בוך, וואָס איז כמעט דאָקומענטאַריש אין דער באַשרײבונג פונעם רעאַלן לעבן, אָן ראָמאַנטישע באַפּוצונגען איבער דער דערדריקנדיקער אײנזאַמקײט, אָן סענטימענטאַלקײט אין איר פּרעציזער שילדערונג פון די מדברדיקע זאַמד־שטורעמס, פון די טריקענישן און אומדערטרעגלעכע טראָפּיקאַלישע היצן, אַ חמימה פון וועלכע אַפילו די פײגל פאַלן אַוועק טויטע.

זי שילדערט אַ בילדל, וואָס האָט אין זיך די עלעמענטן פון אַ שטאַרקער דראַמע: אַ פאַרנאַכט, ווען די זון לאָזט זיך אַראָפּ איבערן האָריזאָנט, ווי אַ מעשענער אָנגעגליטער באַלעם, אָן הענגענדיקער, וואָס האָט דאָס וואַסער אַזוי אָנגעגליט, אַז מען האָט עס בײטאָג נישט געקענט טרינקען, נאָר וואַרטן אויף בײנאַכט עס זאָל זיך אָפּקילן אַ ביסל. און דאָס וואַסער האָט געהאַט אַזוי פיל זאַלץ, אַז עס האָט נישט דערלאָזט עס זאָלן וואַקסן פלאַנצן אין גאָרטן. שוין אָפּגערעדט פון דעם „קאָמפּאָט" — די טויט־שלאַנגען, וואָס האָבן געלויערט, און די „דינגאָס" וואָס האָבן פאַרצוקט די שעפּסן, און די זלידנע פליגן און די מאָסקיטאָס וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן קערפּער.

נישט אײן מאָל — שרײבט זי — האָט זי געוואָלט נעמען פאַרנאַכט אַ שווערן האַמער אין האַנט און אַ זעץ

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

דעצעמבער 1975 נומער 1 מעלבורן, אויסטראַליע

* * *

צום ערשטן מאָל איז אַ זשורנאַל מיטן נאָמען „מעלבורנער בלעטער" אַרויסגעגעבן געוואָרן פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין מעלבורן, דערשינען אין דעצעמבער 1953. דער צווייטער נומער — אויגוסט 1955. זינט דאַן עקזיסטירט נישט מער קיין שרייבער־פאַראיין און נישט קיין ליטעראַרישער זשורנאַל (אַ חוץ דעם „לאַנדסמאַן", וואָס איז דערשינען איך משך פון 5 יאָר). צום באַדויערן עקזיסטירן אָבער ווייטער די נעגאַטיווע שטריכן פון אונדזער ישוב — אָנגעמערקט אין ערשטן נומער פון זשורנאַל (1953):

„ס'איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז די מערכה פון דער היגער יידישער וואָכן־פרעסע (אין 1953 זענען נאָך דערשינען צוויי וואָכן־צייטונגען) איז ווייט נישט קיין צופרידנשטעלנדיקע; אַז זי דערפילט נישט אירע אויפגאַבן; אַז אויף אירע שפּאַלטן קומען זעלטן צום אויסדרוק דאָס אומאָפּהענגיקע, קריטישע יידישע וואָרט".

דאָס געפיל, אַז אַזאַ זשורנאַל פעלט אין אונדזער ישוב, האָט יאָרן לאַנג נישט געלאָזן רוען די „קדימה"־טוער. אויך מיר האָבן פאַרשטאַנען דאָס, וואָס עס זאָגט דער אַריינפיר־אַרטיקל פון ערשטן נומער „מעלבורנער בלעטער":

„די מאָס, מיט וועלכער מען שאַצט דעם קולטור־מצב פון אַ פאָלק אָדער ישוב אין מאָדערנע טערמינען, איז בקיצור: דער פאַרנעם און די הויך פון זיין צושטייער צום גייסטיקן שאַפן, צו מענטשלעכע קולטור־ווערטן.

„מיר יידן האָבן שטענדיק אָפּגעשאַצט די חשיבות פון אַ קהילה לויט דער הויך פון איר גייסטיק־מאָראַלישער מדרגה, לויט איר נאַציאָנאַל־קולטורעלן באַוואוסטזיין. נישט ווייניקער אויך לויט דער וואַכזאַמקייט און אופן פון רעאַגירן אויף ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן קיום בכלל".

די „קדימה" — די איינגעוואָרצלטע קולטור־אינסטיטוציע פון אונדזער ישוב — מאַכט דעריבער אַ פרוּוו ווידער אויפצולעבן אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל מיט דער האָפענונג צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ פּערמאַנענטער טריבונע פאַר אומאָפּהענגיקע געזעלשאַפטלעכע מיינונגען (איך יידיש און ענגליש), ווי אויך געבן אַ היים שרייבער זאָלן קאָנען פאַרעפנטלעכן זייערע שאַפונגען.

אין די מעלבורנער באַדינגונגען איז עס אַ געוואַגטער שריט. מיט יאָרן צוריק, ווען אונדזערע יידיש־שעפערישע כוחות זענען געווען אי רייכער, אי צאָלמעסיק גרעסער (דאָס לאָזט זיך אָפּשאַצן לויט די אַלמאַנאַכן, וועלכע די „קדימה" האָט אַרויסגעגעבן) איז נישט געלונגען צו שאַפן אַ שטענדיקע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע. יעדע אָנשטרענגונג אַרויסצוגעבן אַזאַ זשורנאַל איז נישט געגאַנגען ווייטער ווי די פּלאַנירונג־סטאַדיע.

דאָך האָט זיך געפילט אַ מאַנגל פאַר אַזאַ אויסגאַבע. אויף אונדזער אַדרעס זענען אָפט געקומען אָנפראַגעס:

— ווי קומט עס וואָס אַזאַ ישוב ווי מעלבורן זאָל נישט פאַרמאָגן קיין אומאָפּהענגיקן געזעלשאַפטלעכן זשורנאַל?

מיר שאַצן אָפּ די מאַטעריעלע שוועריקייטן וועלכע זענען דערמיט פאַרבונדן. מיר דערוואַרטן דעריבער, אַז דער יידישער ישוב וועט אונדזער איניציאַטיוו שטיצן.

די רעדאַקציע

## די פאַראַבלטע יידישע ליטעראַטור

מיר ווערן וואָס אַ מאָל אָרעמער אין שעפערישע כוחות. נאָך איידער מיר באַוויזן אָפּגעבן כבוד איין שרייבער, ווערן מיר געוואָר אַז די רשימה פאַרגרעסערט זיך. לאָמיר דעריבער פאַרצייכענען אונדזער טרויער צוליב דעם פאַרלוסט פון די פאָלגנדיקע שרייבער:

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי;
יודל מאַרק;
אהרן שטיינבערג;
לייב אָליצקי;
ד"ר מאַרק דוואָזשעצקי;
פערל האַלטער;
משה גליקסבערג;
שלמה ראָזענבערג;
מענדל מאַן.

כבוד זייער אָנדענק!

*With the Compliments of . . .*

# DEL-MONTI SUITS

MAKERS OF FINE QUALITY MEN'S SUITS

* * *

SUITS DIRECT FROM WORKROOM TO YOU

**154-156 HIGH STREET, PRESTON, VIC. 3072**

**Telephone: 44-0567**

**200 WHITEHORSE ROAD, BLACKBURN, VIC. 3130**

**Telephone: 877-3316**

**1st FLOOR, 8-10 McRAE STREET, DANDENONG**

**Telephone: 791-4435**

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון אַנקע און הערשל באַכראַך

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

## אינהאַלט

פון רעדאַקציע . . . . . . . . . . . . 1
י. קאַהאַן — אַמעריקע און אויסטראַליע גייען פייערן זייער 200־יאָריקן יובל . 1
ס. בורשטין — מעדיטאַציעס וועגן דער אויסטראַלישער אַרבעטער־באַוועגונג 5
(אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט)
י. אַרבאַך — די קדימה „טשערטש"... . . . . . . . . 7
י. דינער — יידישע לימודים ביים פּרערען קאָלעדזש . . . . . . 9
דאָריס בורשטין — דאָס ערשטע לערן־יאָר פון דער שלום עליכם טאָג־שול . . 10
י. מ. לעווין — עס רופט די סירענע; אַ פרימאָרגן (לידער) . . . . . 11
יעקב ראָזענבערג — דער מענטש; שטומע ביימער (לידער) . . . . . 11
מ. אייזענבוד — אַבראַמאָווס דילעמע (דערציילונג) . . . . . . . 12
ישעיה טאַוב — די קרוין פון יידיש (פּופּציק יאָר ייוואָ) . . . . . . 14
פּראָפ. אַרטור לערמער — אַ זייט געזונט צו מיינע דירעקטע מכנים־אורחים
פון דער „קדימה" און צו דער גאַנצער יידישער קהילה. . . . . . 15
פּ. רינגעלבלום — די יידישע ראַדיאָ־אודיציעס . . . . . . . 17
א. זבאַר — אין ליכטיקן אָנדענק פון בונם וואַרשאַווסקי ע"ה . . . . 18
(צו זיין 20־טן יאָרצייט)
אַ זאַגלעמביער — פריינדלעכע שפּילקעלעך... . . . . . . . 20
י. אַרבאַך — „ריכטיק ווי אין קוימען איז ליכטיק"... . . . . . . 21
פרידאַ ווילענסקי — קולטור־טעטיקייט פון „קדימה" . . . . . . 22

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נומער 1 דעצעמבער 1975